START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1885.13

Neumann, Yeheskel Moshe.
Shabes-oybs : folksshtik in dray aktn.
Varshe, c1923.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1885.13

Neumann, Yeheskel Moshe, 1893-1956.
Shabes-oybs : folksshtik in dray aktn.
Varshe: [Druk-Shikora, 1923].
168 p. : ill. ; 22 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID: NXYH00-B6029 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /1313

Reduction ratio x 10.0

י. מ. [illegible]טאן

שבת־אויבס

2/13/13

2/1313

י. מ. ניימאַן / שבת־אויבס

יחזקאל משה ניימאן

שבת־אויבס

פאלקסשטיק אין דריי אקטן

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט · YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE · ביבליאָטעק

פאר בינעס און פאריינען געדרוקט אלס מאנוסקריפט

װארשא

2/1313

מאַרק שוואַרץ, פּאַריז. באַרעליעף צו „שבת־אויבס“

[illegible]

Copyright by Jewish Writer Club, New-Jork N. Y.

אלע רעכט, װי אויפפירן, איבערזעצן און איבערדרוקן, געהערן צום מחבר. זיך װענדן:
I. M. Neuman, Warszawa.
Obożna 11/24.

I. M. NEUMAN
Schabes-Ojbs
Sztuka w 3-ech aktach
Warszawa.

געזעצט דורך ש. רעדליך, נאַװאָליפּיע 69.

ײַ־ױק—שיקאַרא. קלישע—ה. גאָלדבערג.

Druk. Sz. Sikora i Mylner Nowolipki 6.



מאַרק שוואַרץ. פּאַריז. באַרעליעף צו „שבת-אויבס"

אויפֿנאַמע י. שענפעלד

„לכבוד גאָט
לכבוד אונזער געבאָט
לכבוד דעם ליבן שבת־קודש
וואָס אונזער האַרגאָט
האָט אונז געגעבן און באַפוילן"
(פון אַ קרבן־מנחה־סידור)

פערזאָנען

די אַלטע ליכטציערן
די יונגע ליכטציערן
דער אויסגעדינטער זעלנער
אַ וואַסערטרעגער
אַ שבת־גוי
אַן ארץ־ישראל־ייד
די בלינדע רייצע
קינדער, בעל־הביתישע יידן, אַבאַסובקע, און אויבס־הענדלערן, אַ הונד, אַ פלעדערמויז
שבת מלכתא

אָרט פון דער האַנדלונג — אַ קליין שטעטל אין פוילן, קויאַווער קאַנט, צום סוף פון ניינצעגטן יאָרהונדערט. דאָס שטיק שפילט זיך אָפּ אין פאַרלויף פון אַ מעת־לעת: פון פרייטאָג ביז שבת־צו־נאַכטס, אין אַ ליכטציערײַ. צו דער אויפפירונג מוז אונבאַדינגט צוגעצויגן ווערן אַ מאָלער. די יונגע ליכטציערן איז געקליידט אין שוואַרצן, די אַלטע — אין ווייסן, דער זעלנער — אין גרויען; דער גאַנצער טעקסט ווערט האַלב־אויסגעזונגען, די ראָלן פון די קינדער ווערן געשפּילט דורך דערוואַקסענע אַקטיאָרן.

ערשטער אקט

פֿרײַטאָג אין דערפֿרי אין דער ליכטציערײַ.

איבער דער שטוב לויפֿט אַרום, ווי אַ מכשפֿה, **די אַלטע ליכטציערן** מיט אַ בעזים אין דער האַנט. גיט אַ לאָז דאָס האַנטעך, וויקלט עס אַרום איבער דעם קאָפּ האַסטיג. שפּרינגט אַרויף אויפֿן בעט, יאָגט זיך, ווי נאָך אַ שאָטן, — נאָך דער פֿלעדערמויז.

די אַלטע ליכטציערן שרייט אָן אויפֿהער — אַ שאַ! אַ שאַ! אַ שאַ! אַרויס! פּראַלט אויף דאָס פֿענסטער, פֿאַריאָגט די **פֿלעדערמויז**, דערנאָך גיט זי אַ פֿאַל־צו צום בעט. זיפֿצט אָפּ.

עס קומט אַרײַן **די יונגע ליכטציערן**.

די יונגע ליכטציערן — שטיגער.

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי אָנגעשראָקן. כ'קאָן קוים דעם דעך כאַפּן.

די יונגע ליכטציערן — האַסי? וויפֿיל מאָל די שטיגער געבעטן אויפֿן בעט זיך ניט זעצן, — און ס'האַנטעך.

די אַלטע ליכטציערן — עס מען אויפֿרויטען.

די יונגע ליכטציערן — בײַ אונז אין דערהיים — אַ יידיש הויז — פֿירט מען זיך:

שטייט אַ שטול, אַ שטול, זיצט מען נישט אויפֿן; דאָ אַ בעט, אַ בעט, — טרינקט מען נישט פֿונם; הענגט אַ האַנטעך — וואַשט מען זיך נישט

דערמיט, אז עס איז צוליב שאַנקיט. אַ צירונג אין שטוב. פאַר חשובע געסט. געבעטענע און אומגעוועגע.

די אַלטע ליכטציערן — האָס הערט מען אויפן מארק?

די יונגע ליכטציערן — חיים איך!

די אַלטע ליכטציערן — כ'האָב נסים.

די יונגע ליכטציערן ווי פאַר זיך — געשטאַנען אויפן טראַקט, קוק מיר די אויגען אויס. אַזוי יעדען טאָג. אפשר קומט ער.

די אַלטע ליכטציערן — כ'האָב נסים, אז כ'זאָל מיר זיין אַ אָפּלייזעבען.

די יונגע ליכטציערן — האָס איז דער שדיגער? זאָל די שדיגער אויסקטעלן דעם בעזים.

די אַלטע ליכטציערן — נסים, הי נאָר דו בזוט אַרויס—כ'היל אויפרוימען — נישט כ'דערזע:

איבערן שטוב

פליט

פליט

אַ פלעדערמויז!

כ'היל אויפרוימען—אַ פלעדערמויז! שוואַרץ פּאַטשט מיט די פליגלען, שלאָגט אָן אָן באַלקן, דרייט זיך דריי מאָל איבער „משה מיט די לוחות" — איבערן בעט, אַ כ'מיין נישט ס'האָרץ ענטגייט מיר.

די יונגע ליכטציערן שוייגט — שדיגער.

די אַלטע ליכטציערן — אַלטע לייט זאָגן — אַ פלעדערמויז כאַפּט זיך אַריין אין די האָר, שטאַרבט מען דאָס יאָר.

די יונגע ליכטציערן — חיים איך?

די אַלטע ליכטציערן — אַלטע לייט.

יאָ — שטאַרבט מען דאָס יאָר.

האָב איך געכאַפּט ס'לאַנגע האַנטעך, מיטן האַפּט, און אַרומגענומען דעם קאָפּ. כאָטש די האָר פאַרדעקן, ס'זאָל מיר זיין אָן אָפּלייזעבען.

די יונגע ליכטציערן — און די שדיגער גלייבט? זאַבאַבאָנעס!

די אַלטע ליכטציער — ניטע! ניטע! מען טאָר נישט טאַפּן ס'געשפעט פון אַלטע גלויבונגען.

די יונגע ליכטציערן — אין די ספרים איז עס נישט געברענגט.

די אַלטע ליכטציערן — מאַלע ס'איז נישט געברענגט! קאָן מען דען אַלעס אַריינשרייבען?

(די פלעדערמויז פליט ווידער אַריין אין שטוב)

די יונגע ליכטציערן — אַ — אַ!

די אַלטע ליכטציערן — וואָסי?

די יונגע ליכטציערן — ז'איז דאָ—די פלעדערמויז.

די אַלטע ליכטציערן — ס'האַנטעך! כ'האַנטעך!

די יונגע ליכטציערן אומרויג, אין שרעק, יאָגט זיך נאָך דער פלעדערמויז, כאַפּט זי — אָט איז זי.

די אַלטע ליכטציערן — נסים! געלויבט צו גאָט דאָ' פאַר.

די יונגע ליכטציערן — זי אָפּלאָזן?

די אַלטע ליכטציערן — האָס מיט זיך מיט דיר? לאָזט זי אָפּ, ברענגט זי ווידער אָן אומגליק אויף אַ מענשענס קאָפּ.

צו'שלאָגען, צו'שלאָגען! שוין ברענג איך נעגעלעך.

(גייט צו, צו דער מיליגער באַנק און ברענגט נעגעלעך)

אַזוי! נאַ — נעם די פלעדערמויז. לייג זי אַרויף אויף דער טיר — העכער, העכער! — אַזוי! מיטן קאָפּ אַרויף און פיס אַראָפּ — אַזוי! —

ספריים אוים דו פליגלען—אזוי! אזוי!—און שלאָג אריין די נעגעלעך אין די שווארצע פליגל.

די יונגע ליכטציערן — א רחמנות.

די אלטע ליכטציערן — נאר'כיע, ס'זאל מיר זיין א שעיר לעזאזל; ס'זאל מיר זיין אן אפליזעבך! ס'זאל מיר זיין צו מזל און ברכה.

די יונגע ליכטציערן — אמן פאָטער אין הימל.

די אלטע ליכטציערן — רעכט, שוין צייט, רעכט, ס'רעדל זאל זיך איבערדרייען.

די יונגע ליכטציערן — הלואי.

די אלטע ליכטציערן — פארשטייסט, פלים זי אין קאָפּ אריין— אין די האָר — שטארבט מען; שלאָגט מען אריין מיט נעגעלעך — די שווארצע פליגל מיט נעגל אין מיר—ברענגטס גליק.

און די רגע —

דו, מאכטערשי, האָסט יונגע פיס'כיע, יאָגסטו זיך, כאפסטו זי.

הארום די רגע —

די רגע, מאכטערשי, איידער מען כאפט זי, איז א סכנה, איינגע-שטעלט איז מען. אויף משקולת הענגט ס'לעבען, רעכט!

די יונגע ליכטציערן זיפצט —זאל שוין טאקיש זיין מיטן לשמחה זאל זיך שוין איבערדרייען ס'מזל אין שטוב.

די אלטע ליכטציערן — זאלן שוין די בייזע רוחות פון שטוב ארויס; זאלן שוין די גוטע רוחות אין שטוב אריין.

די יונגע ליכטציערן — אמן, פון דער שחיגערס מויל אין גאָטס אויערן.

די אלטע ליכטציערן — האסט, איינגעקויפט?

די יונגע ליכטציערן — אז כ'בין אזוי געשטאנען, פארהוישט —

פארגעסן נאך האָב כ'בין געגאנגען.

די אלטע ליכטציערן — און האָט העסטו אויסקוקן, רעכט?

די יונגע ליכטציערן — שטיי איך אזוי, האָרט איך אזוי, האָרט. ס'גייען ניט שוין פון קאשטשאל, דער מארק איז פול; אזא געניי און געשטיי און געלויף; ס'האָט געברענגט יאלעהקעס — קוק איך. און ביים ברונעם, זע איך, קומען אנצולויפען קליינע פייגעלעך, ציטערן פאר קעלט. און דזיאבען. קלער איך מיר: פייגעל'כיע פארהאָגלטע, פיי-געל'כיע פארציטערטע — ווי גאָט ברוך הוא פארלאָזט קיינעם נישט. און א טויב קומט אנצופליען — האָרקעט זי, האָרקעט זי און דזיאבעט. בעט איך מיך: טויב, טייבעלע, ווען ברענגסטו מיר א בשורה טובה אין שנעבעל'כיע?

די אלטע ליכטציערן — און א בריהל?

די יונגע ליכטציערן — און קיין בריהל נישטא. און ווידער ארום — האָט טויג מיר ס'בריהל, אז ער איז נישטא.

די אלטע ליכטציערן — נישטא קיין פרייד.

די יונגע ליכטציערן — קלער איך מיר — האָט העט זיין ער העם שוין קומען, און דאָס הויז איז ליידיג, ווי העל איך מיך אהינטון?

די אלטע ליכטציערן — ד' נתן, ד' לקח.

די יונגע ליכטציערן — אזא שטוב האָט ער מיר געלאָזט, איז זי געווען שמעקעדיג — ס'געשער האָט נאָר אזוי געבלאנקט; און איצט איז דאָס בעט צוטארגניעט — זאל זיך די שחיגער זעצן אויף דער מילי-כיגער באנק.

(די אלטע ליכטציערן זעצט זיך אויף דער באנק.)

די יונגע ליכטציערן מאכט גלייך דאָס בעט, יעדן פאלד און קנייטש — נו—האָט האלט אלץ די שחיגער דעם בעזים אין רער האנט? מ'דארף אויפרוימען.

די אַלטע ליכטציערן — אַז די פלעדערמויז קאָן מיר גאָרניש ארוים פון זין.

(די יונגע ליכטציערן נעמט אראָפּ פון דער שהיגערס קאָפּ דאָס האַנטעך; די אַלטע פאַרשטעלט די חסע האָר, טוט שנעל אָן אַ קופּקע)

די יונגע ליכטציערן — די פלעדערמויז; די פלעדערמויז—ס'זאַ־ניזשעם.

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, האָט היים דער זינדיגער מענש, האָט הינטער אים גיים.

די יונגע ליכטציערן — שוין, ס'האַנטעך איז שוין גלייך, הען צינדט מען ליכט?

די אַלטע ליכטציערן — פרשה וישב — פינעפע מיט דרייַ און צוואַנציג מינוט אויף ליכטצינדן.

די יונגע ליכטציערן — דער הינטער קומט אין לאַנד אריין, די אַהענגדן הערן גרעסער.

די אַלטע ליכטציערן — איידער מען קוקט זיך אום, פליט אַוועק דער טאָג.

די יונגע ליכטציערן — מען כאַפּט דאָך דערויף; גרעסער די אַהענגדן, מער ליכטלעך פאַרקויפט.

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, כ'לעבן!

די יונגע ליכטציערן — הי העלפט שוין דער אויבערשטער צו אַ נייע פרנסה. מ'זאָל נישט דאַרפן קוקן אין הימל אריין. מענשן נע־מען דאָך איבער.

קומט אריין באַלד אין דער פרי די בלינדע רייצע — זאָג איך, נו, חי' רייצעשי—שוין געמאַכט אַ ניפ'כיע?—ענטפערט זי: גלויבט צו גאָט דאָ' פאַר. און מאַכט צו מיר: אַף בְּרִי — דער הינטער רוקט צו. פאַר די גאַנצע העלט אַ דאגה, פאַר די ליכטציערס אַ שמחה. זי הערט דאָך מעשר! איי, (גיט אַ זיפץ) מענשן זענען נאָך אונז מקנא.

די אַלטע ליכטציערן — מענשן.

די יונגע ליכטציערן — און נעמט ארויס אַ פלעש'כיע און מאַכט אַ פרישע כוסה; נאָך אַ ניפ'כיע—קיים האָט זי האַלט זיך אויף די פיס: מאַכט זי: נו—ליכטציערן—עפּעס אַ גרויס קניפ'כיע אונטערן שטרויזאַק? די גאַנצע שטאָט איז אויף דערמיט: זי גרייטן דאָך פאַר אינ'ם מאַן אַקניפ'כיע אונטערן שטרויזאַק.

די אַלטע ליכטציערן — האָט האָט זי געזאָגט?

די יונגע ליכטציערן לאָזט זיך צוריק — נו—דאָ האָט נאָכצורעדן! אַ שכורע רעדט; נאָר פאָרט אַ צדיקית'דיג מענש. אָן אייזערנע גבורה ערשט יענע האָך אויפגעשטאַנען פון קימפעט און לויפט שוין אַפּריכטן.

די אַלטע ליכטציערן — אַחעמאַחע — אַ מחיה — ס'פעק'כיע אריינגעהאָרפן?

די יונגע ליכטציערן — באַלד אין דערפרי, צו טעגעניש. זי איילט זיך, איילט זיך. נאָר זי איילט זיך, די בלינדע רייצע. שעפּ־סענס האָט זי געברענגט.

די אַלטע ליכטציערן מיט שמחה — שעפּסענס! שעפּסענס! אוהאָ! כ'לויף שוין אריינברענגען.

די יונגע ליכטציערן — צו וואָס שלעפּען?

די אַלטע ליכטציערן — אַז ס'שעפּסענס האָט זיך אויסגעלאָזט. דער זעט הײַנט שעפּסענס?

(גייט אָפּ אין אַלקער).

(די יונגע ליכטציערן אַרבעט בײַ די קנויטן. סדרט זיי אויס, שנײַדט זיי, וועלגערט, פלעכט!).

די אַלטע ליכטציערן — קיינע האָרע — אַ משא, אודאי אַ פוד.

(הייבט אויף, נעמט ארויס דעם חלב)

קיינע האָרע חלב: הען היים דערזעט עס, האַלט ער אין דער

לופֿטן געשפּרונגען. הייך, ווי פּוטער, אַ מַרְאָה, ווי גאָלד. זאָל די בְּרָכָה אַריינקומען דערין.

די יונגע ליכטציערן — אַ יאָ, כ'בין אַ מבינ'טע — זיך אויסגעלערנט? די שוויגער געמיינט — כ'וועל נישט קאָנען די תּורה.

די אַלטע ליכטציערן ענדערט דעם טאָן — חלב... אָבער ווי קומט עס צום פֿאַרצייטישן חלב — אַמאָל, מען האָט צוזאַפּיעט אַ פּעסל, איז עס געווען ווי אייז, כאַטש פֿאָר דערויף. מען האָט געשעפּט און געשעפּט און נישט אויסגעשעפּט. ווי ביי אליהו הנביא: מען זעט דען היינט אַזוינס? אַז אַלעס ווערט געמינערט. רעכט, זעלדע, גראָבלט דעם חלב דער חלב געפֿעלט מיר נישט. נו — היפּיל וועגט עס דען אין גאַנצן? אַ האַלב פֿינטל! און די מראה—ברוין און בלאָ; אוי — בעהים זאָל מען ווערן. אַ שיינע סוחרטע ביזמו.

(שטיפּט אָפּ דאָס פּעקל חלב ווי אַ קינד וואָס אַ שפּילצייג איז גמאס געוואָרן)

די יונגע ליכטציערן — און וואָס איז דען דער שוויגער יאָ געפֿעלן? וואָס איך טו, געפֿעלט נישט דער שוויגער. נאָר זי גרימאַשניעט.

די אַלטע ליכטציערן — שוין, פּרוגז'ט זיך שוין? די מורינו אָנגערירט?

די יונגע ליכטציערן — כ'וועל גאָרנישט ענטפֿערן

(ציט די קנויטן)

די אַלטע ליכטציערן טראָגט אָפּ ס'פּעקל חלב אין אלקערל — ס'ארא פֿאַנקענדיקער חלב!

(די יונגע ליכטציערן וועלגערט די קנויטן, שמייכלט)

די אַלטע ליכטציערן — נו, נאָך אַלץ פֿאַרצויגן ס'שנעבעליכיע?

די יונגע ליכטציערן — אַז די שוויגער האָט ניקען.

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, אויף די עלטער ווערט מען,

ווי אַ קינד. דאָ ווינט עס, דאָ לאַכט עס. זעלדע. כ'על דיך עפּעס פֿרעגן?

די יונגע ליכטציערן — וואָס שוין ווידער?

די אַלטע ליכטציערן — אַ כ'שטיי אַזוי אין פֿינסטערן אלקערל פֿאַלט מיר איין: פֿאַרוואָס, זעלדעשי קרוין, זענען שעפּסע'כיע אַזוי לייבנ' און חלב — אַזוי שווער?

די יונגע ליכטציערן (שפּרינגט אויף) — אַז ס'וויל נאָרנישט רוען ווי דער סטבטיון! נאָר מיט די הוריוות (שפּרינגט צוריק צו די קנויטן).

די אַלטע ליכטציערן — אַ יונגע קאָזע (פּלוצלינג) שעפּס!

די יונגע ליכטציערן — נו, זאָל די שוויגער שוין אויפֿהערן. דער הייליגער שבת רוקט אָן און מיר האָבן גאָך גאָרנישט אָנגעבריים.

די אַלטע ליכטציערן — קוקסט זי נאָר אָן, מיין טוערן! ביזט נישט געשטאַנען שעה'ן אויפֿ'ן מאַרק. בע, בע — ברונעם! פֿייגעלעך ביים ברונעב. נאָר זי יאָגט זיך נאָך נעכטיגע טעג און פֿייגעלעך.

די יונגע ליכטציערן — און די שוויגער איז בעסער? יאָגט זיך נאָך פֿלעדערמייז.

די אַלטע ליכטציערן (דערשרעקט זיך) — אלעס בעט איך דיך נאָר נישט די פֿלעדערמויז. וואָס איז נעבעך אין גאַנצן דער מענש, ווי זינגט מען אין ליד'כיע:

„איז געקומען דער מלאך המות,
האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיגע קלייד,
האָט ער צוגענומען דאָס וואָכעדיגע קלייד,
און מיך אַליין".

די יונגע ליכטציערן — יאָ, עס איז נעבעך וואָר, וואָס אין ליד'כיע:

„איז געקומען דער מלאך המות,

האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיגע קלייד."

געגוג קנויטן געצויגן היינט. לאָמיר טאָפּען דעם חלב, פלעכטן די ליכטלעך.

די אַלטע ליכטציערן — ס'עט ווייניג זיין. צי די קנויטן.

די יונגע ליכטציערן (ציט ווייטער די קנויטן).

די אַלטע ליכטציערן — כ'קאָן מיך גאָרנישט אויסחידוש'ן! האָס פאַרא געלענק צו דער מלאכה. אזא רענטליבע. אזא איידעל מענש — און ווי עס אַרבעט. אז עס איז אַ קוויקעניש צו קוקן. ווי די פינגער'ביע לויפן אזוי, לויפן — ס'איז דאָך נאַדזהיטשאַינע — אזוי איבער די קנויטלעך — ווי די פינגער'ביע העלגערן, העלגערן, פלעכטן די קנויטן — ווי אַ העבּ=שטול. טצי—טצי—טצי—טצי — און מיט די שער — אַ שניַיד, און פאַרטיק אַ נייַ ליכטל, אַ נייַ ליכטל, ווי אַ גוף פאַר דער נשמה.

(געמט אָן די שנור פאַר דער האַנט)

זעסט, מאַכטערשי, זקנים זאָגן: ווילסט קענען דעם באַראַקטער פון מענש, קוק אויף דער האַנט. ס'שיינע פּנים'ביע נאַרט, די אויגן קאָנען מאַכען אַ כשוף. נאָר די האַנט, די האַנט — מאַכטערשי — נאַרט נישט. רעבט, אויף דער האַנט זענען דאָך אָנגעצייכנט די יאָרן פון מענש. פלעכט, מאַכטערשי.

די יונגע ליכטציערן — די טהיגער מאַטלט און מיר וועלן מיטן שבת נישט פאַרטיק זיין. — איז טאַקיש אמת, אויף דער האַנט זענען אָנגעצייכנט די יאָרן פון מענש ?

די אַלטע ליכטציערן —

(וויל אַ קוק טון אויף דער האַנט).

די יונגע ליכטציערן — צו וואָס ? האָס טויג מיר יאָרן, אז מיין

ערשט לעבטיק קינד, מיין בכור, וואלגערט אין דער ערד און מיין מאַן איז פאַרוואָגלט.

די אַלטע ליכטציערן — זינדיק נישט, זינדיק נישט.

די יונגע ליכטציערן — האָס טויג מיר מיין מי און מיין פּראַצע. די אַרבעט גייט מיר נישט איין.

די אַלטע ליכטציערן — ווי מיר — פינעווע צו ליכטצינדן — און מיר האָבן נאָך גאָרנישט אָנגעגרייט. אַלץ פאַלט פון האַנט; איך לויף שוין דעם שבת ברענגען אין שטוב אַריין.

די יונגע ליכטציערן — אין דער דער האָבנס (ווייזט אויף דער ליכטציערע, טיש, מילכיגע באַנק) דער דערהאָבנס נאָך נישט אַרויסגעטראָגן.

און שבת=אויבס איז דען שוין אָנגעגרייט ?

אוי, יאָסעלע, זיין געלייטערטע נשמה זאָל זיך מיען אין ליכטיגן גן=עדן ; יאָסעלע פלעגט אַהיימקומען פרייטאָג פון חדר און טופּיען מיט די פיס'ביע : מאַמעשי, שבת=אויבס ! — און ס'חומש קענסטו ? — שבת=אויבס! האָב איך אים געזאָגט: „יאָסעלע, ס'וועלן וואַקסן עפּעלעך, וועל איך דיר קויפן באַרנעלעך." פאַרוואָס האָב איך אים געשאָלטעט דעם קינד אָן עפּעלע ? אזא לעבטיג קינד.

די אַלטע ליכטציערן — אָן אלטע וואונד.

די יונגע ליכטציערן — אַ יונגע וואונד.

(די אַלטע ליכטציערן אָפּ.)

די יונגע ליכטציערן —

„איז געקומען דער מלאך המות

האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיגע קלייד,

האָט ער צוגענומען דאָס וואָכעדיגע קלייד,

און מיך אַליין !"

אזא טרויעריג ליד'ביע, און איז אזוי צוגעפּאַסט צו מיין געמיט.

(רויסט, וועלגערט די קנויטן, האָרכט אויף)

די טויב שלאָגט אין שויב, די טויב, די זעלבע טויב, וואָס כ'האָב אין דערפרי געזען ביים ברונעם. האָרקעט זי. טויב, טייבעלע—וואָס קלאַפּסטו אין שייבעלע? שוועלבעלע—שוועלבעלע, אפשר ברענגסטו א בשורה אין שנעבעלע?

אַוועקגעפלויגן — אַזוי ווי מיין גליק, וואָס איז פון מיר אַוועקגעפלויגן.

(קוקט זיך אַרום, אויב קיינער זעט נישט. פאַרמאַכט די טירן, דאָס פענסטער).

מיין לעבטיגער מאַן—איך פאַל-צו צו אונזער חופּה-בעט און חתונה-בעט, און וויין ווי אין א לעבעדיגן קבר אריין.

איך וויין, און נאָר דאָס קושן זאַפּט איין מיינע טרערן און נאָר די פיר הילצערנע ווענט זענען אַן עדות פון מיין גרויס געוויין.

מיין שטוב איז דאָך, ווי א משכן און ווי אַן אוהל — און נאָר דער כהן איז אַוועק.

ווי די מוטער חנה, וואָס האָט אויסגעוויינט און אויסגעקלאָגט איר ביטער האַרץ, אַזוי וויין איך פאַר דיר.

און קיינער הערט מיך נישט, נאָר איין גאָט אין הימל.

פאַרוואָס בין איך אַזוי זינדיג און פאַרוואָס בין איך אַזוי פאַרשעמט און פאַרמאוסט און פאַרפאַרעמדט ביי מענטשן?

איך, זעלדע בת פריידל, בעט אויף רחמים; און מיין צער זאָל קומען פאַר גאָט ברוך הוא און איך זאָל דערהערט ווערן.

א חודש נאָך דער חתונה האָט מען דיך גענומען, חיים, מיין מאַן צו די זעלנער.

און דו ביזט פאַרוואָגלט אין גלות.

און איך בין אין דערהיים — און אונזער נעסט איז געגליכן צו א שטיין.

און איך בין געגליכן צו א לעבעדיגן בוים, וואָס אלע בלעטער און אלע זיינע פּרות זענען אָפּגעפאַלן.

וואו ביזטו, חיים, מיין מאַן, מיין שפּייזער און דערנערער—וואָרום

איך וויים: דו ביזט, ווי יונה הַנָּבִיא, וואָס דער וואַלפיש האָט אים איינ-געשלונגען און צוריק אַרויסגעגעבן.

חיים, מיין מאַן, איך ציטער — און די פיר ווענט שאָקלען צו מיט זייערע קעפּ און בעדויערן מיך.

אונזער בעט איז אויפגעבעט; די שויבן זענען אויסגעווישט; דאָס קופּערנע געשער איז אָפּגעפּוצט; די פאַדלאָגע איז אויסגעשאַרט; די ווענט ליגן גלייכגעלעגט אין שאַנק; און דאָס געפעס איז דאָ — דאָס פּסח'דיגע געפעס און דאָס חמצ'דיגע געפעס, דאָס מילכיגע געפעס און דאָס פליישיגע געפעס;

אַלעס איז אויסגעוואַשן און אויסגעשאַרט, אַז ס'פינקלט.

און גאָרנישט איז געמינערט געוואָרן פונם שטובנשטאַנד, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעבראַכט, נאָר פאַרקערט — עס וואָקסט זיך נאָך גע-מערט.

(קוקט זיך נאָכאַמאָל אַרום אויב קיינער זעט נישט. הויבט אויף דעם שעניק)

אונטערן שעניק ליגן באַהאַלטן מיינע אוצרות.

זאָלן מיינע שונאים פאַרשעמט ווערן, וואָס פאַרגינען מיר נישט.

אָט זענען די בריוועלעך אַלע, וואָס דו האָסט מיר געשיקט פון די זעלנער, צו מיר אַליין; זיי זענען נישט געפעלט; איינס און איינס.

און אָט איז דאָס קניפּיע, וואָס איך זאַמל — בלויז גאָלדענע רענד-לעך, א מתנה פאַר דיינעמוועגן.

איך האָרעווע און פּראַצעווע; מיינע אידעלע הענט, וואָס זענען נישט געוואוינט צו קיין מלאכה, פלעכטן די קנויטן, ציען די ליכטלעך, איך ברייט דיר אָן א פאַרמעגן.

די שווייגער זאָגט—כ'בין אַ קַמְצָנִית, איך קאַרג – גלייב איר נישט; מען מאָר נישט מאַכן „וואָס-כלאָם". און אַז דער מאַנסביל איז אַוועק-גענומען געוואָרן פון שטוב, מוז דאָס ווייב זיין אַן עֲקֶרֶת הַבַּיִת.

(האָרכט אויף)

דאָ זענען מיינע האָר, די געקרייזלטע צעפּ די לאַנגע; מען האָט זיי

מיר אָפּגעשניטן אין מיין חופּה־טאָג.

מיין האַרץ האָט געהיינט אין מיר און געטרויערט—נאָר איך האָב עס מקריב געווען, די זאַנגען פֿאַרשניטענע, האָט מען לאָזט אויף אַ פֿעלד.

איך האָב עס נישט פֿאַרבראַכט; אָן אָט האָט מיר געזאָגט: מען לעגט עס ציקאָפּענס פֿון בעט, ברענגט עס גליק אין שטוב.

צעפּ'ביע מיינע. צעפּ'ביע פֿון מיידלהייז—אַזוי ווי איר זענט פֿאַרשניטן, אַזוי איז דאָך מיין האַרץ אין מיר פֿאַרשניטן,

פֿאַרוואָס האָט זיך מיין מזל אָפּגעטון פֿון מיר? פֿאַרוואָס האָט מיך מיין גליק פֿאַרלאָזן?

חיים, מיין מאַן! אַזוי ווי אין אַ קבֿר, אַזוי רעד איך אין קושן אַריין.

דו פֿרעגסט, האָט יאָסעלע, אונזער ערשטער זון מאַכט — זאָל דיין האַרץ נישט זיין באַטריבט: יאָסעלע לערנט שוין חומש. יאָסעלע איז אַ מלאָכ'ל אַ קליינס צווישן מלאָכים'לעך. יאָסעלע איז אין ליכטיגן גן־עדן.

(קוקט זיך ווידער אַרום, אויב קיינער זעט נישט; גייט־צו צום קליינעם בעט).

און איצט, אַז כ'האָב מיך שוין אויסגעוויינט אין גרויסן קושן אַריין, לאָמיך אַריינוויינען אין קליינעם קושן אַריין.

מיין מויל איז דאָך פֿאַרשטומט; אַלע רייד זענען דאָך אָפּגעטון געוואָרן.

איז נאָך דאָ אין דער גאַנצער וועלט אַזאַ זינדיגע ווייסטע מאַמע, ווי איך?

... גאָט ברוך הוא, פֿאָטער אין הימל, פֿאַרוואָס שיקסטו מיר נישט די ביי שונמית — אליהו הנביא'ן, ער זאָל מיר לעבעדיג מאַכן מיין קינד.

און אויב נישט פֿאַר מיר, איז פֿאַר חיים מיין מאַן, האָט איז פֿאַרזאָגלט און געפֿאַנגען צווישן די גויים.

און אויב נישט פֿאַר מיין מאַנ'ס וועגן, איז פֿאַר דיר גאָט אַליין.

האָרום איך האָב אים אויפֿגעצויגן און מגדל געווען צו מעשים טובים.

ער איז דאָך מיט אַזאַ חשק געלאָפֿן אין חדר אַריין צו לערנען דיין תורה.

מאַמעס האָבן זיך דאָך געוואונשן מיט אים; מיך מקנא געווען. —

זע — אָט זענען זיינע לאַקירטע שטיוועלעך, וואָס כ'האָב אים געמאַכט און געזאָגט: דער טאַטעשי האָט אים פֿון די וועלנער געשיקט.

זיין חכמה האָט דאָך גאָר קיין גלייכן נישט.

אָט איז זיין מענטעלע, זיין לייבטערל, זיין לאַמטערעלע.

זיין לייבטערל איז מיר געבליבן. און זיין ליכטל איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

און וואו וועל איך מיך אַהינטון, דער טאַטעשי דיינער וועט אַהיימקומען און פֿרעגן: „וואו איז דיין זון".

וועל איך אים זאָגן:

„יוסף דיין זון איז אַוועקגעפֿאָרן",

און מיינע שבתים זענען דאָך פֿאַרשטערט; מיין טיש איז דאָך ווי אַ מזבח, וואָס זיין פֿייער איז אויסגעלאָשן.

אַנשטאָט אַ פֿריילעכן קדוש, זאָג איך אַ טרויעריגן קדיש.

הייליגער גאָט אין הימל! זאָלן זיך עפֿענען דיינע טויערן פֿון רחמים און פֿון גנאָד, זאָל קומען פֿאַר דיר דאָס געוויין פֿון וועלדע בת פֿראַדל.

שרה פֿון די שלש אמהות — טו זיך פֿאַר מיר.

האָרום דיין בכור יצחק האָט גאָט געפֿירט צו דער עקדה און נאָר געוואָלט אויספּרובן. און איך האָב מיין איינציגן זון, מיין ערשטן זון, יאָסעלע, די ערשטע שפּראָצונג פֿון מיין טראַכט, געבראַכט פֿאַר אַ קרבן.

יאָסעלע, מײַן אײביקער צער און אײביקע װאונד, זאָל זיך דײַן געלײַטערטע נשמה מיען אין ליכטיגן גן־עדן.

פֿאַר דײַן מאַמעשי,
פֿאַר דער מאַמעשי,
פֿאַר דער באָבעשי,
פֿאַר דער בלינדע רײצע,
פֿאַרן רבי'לע
און פֿאַר אַלע ײדישע קינדער. אָמן.

(הױבט זיך אױף)

און שיק אַ ישועה פֿאַר אַלע ײדן, אָמן,

אַז אין שול קאָן מען זיך דען אױסדײַנען? באַלד קומען די הײבּלעך און זאָגן: שבת טאָר מען נישט דײַנען.

(טאָן־ענדערונג)

דער שבת רוקט אָן.

מען מוז אַרױסטראָגן דעם דערזאָבנס און פֿאַריאָגן ס'טרױעריגקײט.

אױ, װי זינדיק איז דער מענטש.

„איז געקומען דער מלאך המות
האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיגע קלײד,
האָט ער צוגענומען דאָס װאָכעדיגע קלײד,
און מיך אַלײן!"

און מיך אַלײן.
אַלײן.

(עס קומט אַרײַן דער װאַסערטרעגער, מיט הילצערנע טרעפּעס, פֿױנדעס אױף די פּלײצעס, מיט צװײ קיבּליעס, קלאַפּט מיט די הילצערנע טרעפּעס, שטאַמלט)

דער װאַסערטרעגער — אָדים מאָ (גוט מאָרגן) די־ט מאָ — הו־הו — באַשי (בעל־הבית'טעסי).

די יונגע ליכטציערן — יאָסעלע געבעך נאָכגעשריגן: טויבע װאַסעיע שױן דײמ".

דער װאַסערטרעגער — חא־הא־חַלה!

די יונגע ליכטציערן (שנײַדט אים אָפּ אַ שטיק) — המוציא.

דער װאַסערטרעגער — מאַמיע לע לע („המוציא לחם") אַ דראַ־דראַ — שין („גראָשין").

(עס קומט אַרײַן די אַלטע ליכטציערן, לײגט אַװעק די פּעקלעך).

די אַלטע ליכטציערן — װײ מיר — מיט אַ מאַנספּיל אין אײן שטוב.

(שמײכלט)

דער װאַסערטרעגער — נאָך־נאָך אַדראַ — שין — האָפּ (חײַב) קראַ—קראַ—קראַנק!

די יונגע ליכטציערן — אַזאַ אױסרײסער — יעדעס מאָל אַן הוספה! שױן װידער העכערן די פּענסיע? גענוג! לײגסט אַ סך אַרײַן אין עסק?

דער װאַסערטרעגער שטעלט אַװעק די קיבלעס — טראָ ניש טע („טראָג נישט מער").

די יונגע ליכטציערן — געגוג, געגוג.

די אַלטע ליכטציערן — נו, גיב אים נאָך אַ צװײער. אפֿילו פּראַצעװעט.

דער װאַסערטרעגער גיט אַ לאַפּ דעם גראָשן און אַנטלױפֿט — קלאַפּט מיט די טרעפּעס, אָפּ).

די יונגע ליכטציערן — די גאַנצע פּאָדלאָגע אָנגעבלאָפּעט.

די אַלטע ליכטציערן — נגידית'טע!

די יונגע ליכטציערן — אָהע טאָהע—אַ מחיה!

די אַלטע ליכטציערן — נו—נו:

די יונגע ליכטציערן — די שוויגער איז אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. טיילט מיר אויס.

די אַלטע ליכטציערן — נו—רעד גישט אקעגן.

(די יונגע ליכטציערן שטייט פאַרטראַכט)

די אַלטע ליכטציערן — נו—וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם, די הענט פאַרלייגט. ריר זיך. פינעפע איז ליכטצינדן, וואָס שטייסטו מיט די אויגןפאַרחיינט?

די יונגע ליכטציערן — וויל איך.

די אַלטע ליכטציערן —מען לאָזט זי אַליין ארגע, ווייגט זי, נאָר זי יאָפעט. ווי מיר — דער קעסיל איז דאָך נאָך נישט איינגעהייצט. זע נאָר, שוין ווידער געוואַלגערט זיך אויפן בעט.

די יונגע ליכטציערן — וויפיל מאָל די שוויגער געבעטן, דאָס בעט נישט צו משעפען.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס האָסטו מורא, כ׳על דיר ס׳קניפּ ביע אָנרירן. מיינסט מע הייסט נישט? ווענט האָבן אויערן.

די יונגע ליכטציערן — לאָמיך די שוויגער גיין לאָזן.

די אַלטע ליכטציערן — הארט — זאָל נאָר חיים אַהיימקומען, וועל איך דיר שוין צושטעלן אַ בענקל.

די יונגע ליכטציערן — זאָל מיך די שוויגער נישט סטראַשען.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס יאָפעסט דו אַזויפיל? וועסט דיר נאָך דאָס שענע פּנימל קאַליע מאַכן.

די יונגע ליכטציערן — זאָל מיך די שוויגער נישט שטעכע־לירן.

די אַלטע ליכטציערן — אבעל - הבית׳טע: שוין איינמאָל אַ בעל-הבית׳טע. ס׳הערטשאַפט גייט דאָך איין ווי אַ ליכט. אַז חיים וועט אַהיימקומען, וואָס ער וועט זאָגן, וועט ער דאָך געדענקט זיין. אַז דאָס האָט אַ זין צו ארבייטן — ס׳יונגע פאָנפאָראָנקעלע, נאָר ער פּיעשטשעט זיך. כ׳האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, זאָלסט איינהייצן דעם קעסל; ווען וועסטו דעם חלב צוטאָפּיען?

די יונגע ליכטציערן — די שוויגער האָט נישט אָנגעזאָגט.

די אַלטע ליכטציערן — און אַליין ווייסטו דען נישט? ביזט אַ מלופּוב-קינד?

נו, געמען זיך, געטון!

מען הייצט איין דעם אויוון צו חלב; מען צעלעגט די קנויטן, מען שלעפּט דאָס געשטעל; אַ מחיה און אַן איילעניש, אַ האָרע־וואַניע און פּראַצע. דער אויוון פלאַמט; פאַרשידענע קולות, אָפּ־געריסענע, שרייעדיקע רייסן זיך אַריין פון דער גאַס; אַ רויך אין שטוב. דער אויוון פלאַמט שטאַרקער און דערמאָנט אָן גיהנום, וואו עס פּרעגלען זיך רשעים. האַסטיקער, שווערער, פינסטערער דערוואַלגס.

די אַלטע ליכטציערן — יאָ, האָס האָב איך דאָס געוואָלט זאָגן די בלינדע רייצע האָט מיר אַפּויער־געשריגן פון די יאַטקעס, כ׳זאָל אָנגרייטן צוויי יאָרצייט-ליכט, פונקטיקע.

די יונגע ליכטציערן — יאָרצייט-ליכט.

די אַלטע ליכטציערן — און נאָך האָט זי געזאָגט וועגן שעפּסענס, וואָס זי האָט היינט אין דערפרי געברענגט, — זי האָט דאָך

אַ גאַנצע פּרעטענסיע עס איז, זאָגט זי, איר מ צ י א ה, און דו האָסט מיט איר געהאַנדלט אויף נ א מ נ ו ת. זי מאַנט זיך פֿינף פּיי־אים, און אויב נישט וועט זי דיך פֿערדערן צו אַ דין־תּורה. וואָרום חיים האָט מיט איהר אָפּגעמאַכט, אַז אַ מציאה איז עס איר מציאה און זי דאַרף נֶהֱנֶה זיין.

די יונגע ליכטציערן — די בלינדע רייצע האָט נישט געזאָגט. עס איז אַ מציאה.

די אַלטע ליכטציערן — און אַליין זעסטו נישט? אַ האַלבן פּוד שעפּסן־פֿעטס וועניגער אַ האַלב פֿונט, צו דריי גילדן פֿיר פּיאים—איז וויפֿיל האָבן מיר? בפֿירוש אַ מציאה, אַ מציאה ביי אַ גנב.

די יונגע ליכטציערן — נו, זאָל די שוויגער באַרעכענען!

די אַלטע ליכטציערן — אַז ווער האָט דעם קאָפּ צו אַזעלכע חשבונות?—אַ האַלבן פּוד האָבן מיר אַ קימאַ לן צו דריי גילדן, דריי גילדן צו צוואַנציק פֿונט, וואָס מאַכט אויס אַ האַלבן פּוד, האָבן מיר אַ קימאַ לן—אַז דער קאָפּ שווינדלט מיר שוין! ווער האָט אַ קאָפּ צו אַזעלכע אויסטערלישע רעכענונגען.

די יונגע ליכטציערן — מאָ זאָל די שוויגער לאָזן. וואו איז די קרייד, וואו איז אַהינגעקומען די קרייד? ווי מען דאַרף עפּעס, איז עס נישטאָ אונטערן האַנד.

(זוכן די קרייד.)

די אַלטע ליכטציערן — אַ שען הויזגעזינד אַן אַ שאַנספּיל—וואו איז די קרייד? איך אין דיינע יאָרן האָב נישט געדאַרפֿט קיין קרייד מיט אַ בלייפֿעדער—אַלץ אויפֿן קאָפּ... יאָרן...

די יונגע ליכטציערן — אָט איז די קרייד, אונטערן שפּיגל זיך

פֿאַרהאַלטערט. יאָסעלע זיך געשניצט דערפֿון אַווערפֿעלכיע.

די אַלטע ליכטציערן — נו, רעכן:

די יונגע ליכטציערן — עס גייט מיר נישט איין.

די אַלטע ליכטציערן — אַן אַלמנה, זי וועט דיך פֿערדערן.

די יונגע ליכטציערן — וועט זי.

די אַלטע ליכטציערן — כ׳האָב זיך געשוואוירן.

די יונגע ליכטציערן — שווערט מען נישט.

די אַלטע ליכטציערן — כ׳האָב געזאָגט, זאָל איך נישט דער־לעבן חיים צו זען פֿון די זעלנער.

די יונגע ליכטציערן (כאַפּט ביים די קרייד) — ביי זיין געזונד, דאָס האָט די שוויגער צו שווערן, ביי זיין געזונד?..

די אַלטע ליכטציערן — אַ מאַמע מעג.

די יונגע ליכטציערן — נו — זאָל די שוויגער געבן די קרייד, שוין רעכן איך. וואו איז ס׳ברעטל?

די אַלטע ליכטציערן — ווער חיים? נאַ, האָסטו — אויף די ציר.

די יונגע ליכטציערן — חשבונות פֿאַרשריבן אויף דער טיר — וועמעס חשבונות?

די אַלטע ליכטציערן — פֿון שטיבל—יאָרצייט־ליכט.

די יונגע ליכטציערן — אָפּגעמעקט —

די אַלטע ליכטציערן — אי — אָפּגעמעקט, להבדיל, ווי אין

סֵפֶר הַחַיִּים. מען שרייבט און מען מעקט, מען מעקט און מען שרייבט.

די יונגע ליכטציערן — די שוויגער וויל א חשבון?

די אַלטע ליכטציערן — אודאי וויל איך — אויף עֶרליבקייט שטייט די וועלט. נישט פעלשן קיין וואָג, נישט פעלן קיין צאָל — בפרט ביי אַן אַלמָנה. רעכן.

די יונגע ליכטציערן (קלאַפּט מיט דער קרייד אויף דער טיר. די האַנט ציטערט) — צוואַנציג פונט שעפּסנס צו דריי גילדן, הייניגע צוויי פּייאַס.

די אַלטע ליכטציערן — רעכן.

די יונגע ליכטציערן — צוואַנציג פונט שעפּסנס, צו דריי האָבן מיר זעכציג, זעכציג פונט שעפּסנס.

די אַלטע ליכטציערן — רעכן: שוין זאָלסטו מיר רעכענען,

די יונגע ליכטציערן — האָבן מיר זעכציג גילדן, גייט צראָפּ א האַלב פונט, האָבן מיר אַנדערטהאַלבן, קומט צו —

די אַלטע ליכטציערן — נאָר אַן שקרות — מאַך מיר נישט איין. בעריבער מיך נישט — מ'קאָן דאָך ברענגען אַן אומגליק אויף זיך און אויפן גאַנצן הויזגעזונד. יונגע קינדער קאָנען דאָך חלילה יונגערהייט פון דער וועלט אוועק.

די יונגע ליכטציערן (ציטערט) — אַז כ'קאָן נישט רעכענען יעצט,, וועלן מיר רעכענען שבת צו נאַכט.

די אַלטע ליכטציערן — איך 'על שבת קיין רו נישט האָבן — אַן איינשטעלעניש — די בלינדע רייצע זאָגט: בפרוש א מציאה — און

דו האָסט מיט איר געהאַנדלט אויף נאמנות.

די יונגע ליכטציערן — אַז כ'האָב זי געפרעגט.

די אַלטע ליכטציערן — אַז זי טרויט אונז: זי טרויט חיים'ן, און קיין גראָשן קיין פרעמדס נישט אָנגערירט.

די יונגע ליכטציערן — און ווער וויל דען יענעמס — איך פרא־צווע.

די אַלטע ליכטציערן — פון פראַצע האָט מען נישט קיין קניפּ'ביי אונטערן שעניק. פון פראַצע האָט מען נאָר לְהַחְיוֹת נַפְשׁוֹ — ביים לעבן צוזערהאַלטן. אויף וואָס בעט מען: ווי יעקב: לֶחֶם לֶאֱכֹל און בֶּגֶד לִלְבּוֹשׁ.

די יונגע ליכטציערן — אַז די קרייד האָט זיך מיר צו־קרישלט.

די אַלטע ליכטציערן — תרוצים — וועסטו זיך מיר א שוואַרץ יאָר אויסרעכטן — ביי אונז פירט מען נישט אַזעלכע מסחרים. בערא־בעווען א ווייסע אַלמנה.

די יונגע ליכטציערן — געגעבן איר וויפיל זי האָט אַליין גע־וואָלט.

די אַלטע ליכטציערן — אָבער נישט וויפיל די וואָרט איז — רעכן! ס'איז דאָ א[illegible] און א משפּט.

די יונגע ליכטציערן — 12 פּייאַס מיט 60 גילדן, וועניגער אַנדערטהאַלבן גילדן, האָבן מיר.

די אַלטע ליכטציערן — אָבער צו וואָס חשבונען — אַז כ'האָב געקויפט אויף נאמנות —

די יונגע ליכטציערן — און איך זאָג אַ מציאה

(דער חלב-אויבן שמעלצט זיך—און עס קנאַקט און עס וואַרפט אַ פייער)

האָ איז ס'שעפסנס—'עט מען איבערהערן.

די אַלטע ליכטציערן — אין אויהן... צוטאַפּיעט.

די יונגע ליכטציערן — אויפרוימען די גנבה—מעביר זיין.

(שטעלט זיך אויף, קוקט אין די פלאַמען, איר פנים ווערט געענדערט)

אוי, אלעס, רעכט, וואָס ס'איז דאָ אויף דער ערד, איז אויך דאָ אין הימל. און אַז מען זעט דאָ אין שטוב אַ קליינעם אויהן, וואו עס שמעלצט זיך זינדיגער חלב, ווערט די שטוב אָנגעפילט מיט אַ רויך און עס וואַרפן זיך פלאַמען און עס פליען פונקען, און דאָס האַרץ פאַרגייט פאַר אימה,—אפשיטאַ שוין אויבן אין הימל: דער גיהנום יום נישט, נאָר אַז ס'קומט דער הייליגער שבת—

די יונגע ליכטציערן (פאַרשטעלט זיך ס'פנים) — שוויגער—לאָמיר שבת מאַכן.

די אַלטע ליכטציערן — אוי, אין וועלכער מענש אַ ילוד אשה אַן עפר ואפר, איז דען ריין פון זינד-לאָמיר פרי ברענגען דעם שבת אין שטוב אריין—העלן די זינדיגע נישט אַזוי געפיינגט ווערן. זעלדע ! פאַרלעש דעם אויהן.

די יונגע ליכטציערן — (פאַרלעשט.)

די אַלטע ליכטציערן — אוי—דער זינדיגער ד ע ר ה אָ כ נ ס — ווי דער רויך פרעסט די פינסטערע אויגן.

די יונגע ליכטציערן — און דער חלב ליגט זיך אויפ'ן האַרץ

די אַלטע ליכטציערן (פאַרהוסט זיך) — ווי בליי דער רויך שטיקט.

די יונגע ליכטציערן — און דער אויר — און דער עפוש נישט אויסצוהאַלטן.

די אַלטע ליכטציערן — אוי — ד ע ר פ י נ ס ט ע ר ע ר ד ע ר־ ה אָ כ נ ס.

פון דרויסן הערט מען אַ געגיי, אַ געפאָר, אַ געשטופעריי; באַלד שטילט זיך אַלץ איין. דער מאַרק ווערט אויסגעלע־דיגט.

דער וואַסערטרעגער לויפט—און קלאַפט מיט די ס ו י נ ד ע ס; דער רב גייט פון מרחץ — מיט אַ ציגאַר אין מויל, די פאה'לעך גע־קרייזלט און אויסגעצוואָגן, ז הדרת-פנים; אַן אויבס-הענדלערן לויפט — און די קינדער האַלטן זי ביי דער שערץ און העלפן טראָגן די קיישלעך; די ישוב'ניקעס איילן אַהיים, — דער שטאָט־הונט, איינער אַליין אויפן מאַרק, ליגט אויסגעלייגט, ווי אַ פריק; מען טראָגט די חלות מיט די קיכלעך פון בעקער; יונגלעך לויפן ארום און שפּילן אין פערדלעך; איינס — אַ קליינטשיקס — האַלט אין האַנט אַ גרויס טשאָלנט און טראָגט עס מיט יחוס; די גבאיטע מיט די ב ל י נ ד ע ר י י צ ע לויפן אַרום מיט אַ פּאַטשיילע צו מאַכן אַ נדבה; די גייעס ווערן אויך רויגער, גייען מיט פאַרלייגטע הענט. דער סטאַרשע שטראַזשניק פאַס:מאַקעווע זיך מיט אַ שטיק חלה; — די מנוחה פון שבת קומט אָן.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס האָסטו זיך שוין ווידער פאַרקוקט פייגעלעך אין הימל?

די יונגע ליכטציערן — שוין צעהעלעהט. אַ גוטער מאַרק היינט געהען. ס'גייעס פאַר „אָרפּוסט", געהען אַ גוט לייזונג.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס איר ליגט אין זין... די האָר ברענגען דאָך אויף מיר; פינעהע איז ליכטצינדן, און דאָ האָבן מיר אפילו נישט דעם דערוואָבן ארויסגעטראָגן; נו — וויבל, ריר זיך — זשוואחע.

(ביידע פרויען נעמען ארויסטראָגן די מילכיגע באַנק, דער טיש פון די קנויטן און די ליכטציערין).

(אַ קליין יינגעלע מיט אַ מיידעלע קומען אריין צו רייטן, ווי שפּילנדיק אין פערדלעך).

די אַלטע ליכטציערן — ווי די מלאכי חבלה. ס'קאַצל קומט! און ווי איז דער גוט-מאָרגן? גייט נאָכאַמאָל ארויס און קומט אריין און זאָגט גוט-מאָרגן.

(די קינדער שווייגן).

די יונגע ליכטציערן — אַזוי פאָלגט עך? נו — טוט, וואָס מען הייסט ענק!

(די קינדער גייען ארויס און קומען צוריק)

די קינדער — גוט-מאָרגן!

די אַלטע ליכטציערן — נו-וואָס זאָגט עך גיטס?

ס'יינגעלע — מאַמעשי דעזאָט (געזאָגט).

די אַלטע ליכטציערן — וואָס מאַמעשי דעזאָט?

ס'יינגעלע — מאַמעשי דערזאָט—די ליכטציערן זאָל געבן (געבן) אַ

גונט ליכט פון די דיטע (גיטע).

די יונגע ליכטציערן — און געלט האָסטו?

ס'מיידעלע — דאָ איז.

(איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל)

די אַלטע ליכטציערן — נו-און וואָס נאָך?

ס'יינגעלע—פון די דיטע—די מאַמעשי דעזאָט.

די אַלטע ליכטציערן — די דיטע... שוין געהערט! זאָג די מאַמעשי—נישטאָ קיין שלעכטע.
נאַ!

(די קינדער ווילן אַוועקגיין, די אַלטע ליכטציערן רופט זיי צוריק)

קונים! נישט געקאָנט אויסקראַצן זיך אַביס'ל פריער. עס איז דאָך שוין אַ שטאָך אין שבת אריין. ארומגעלאָפן, ארומגעוואָיעוועט, האַ? זיך געשפּילט אין פערדלעך; (צופּט אין אויער) אַז רייצע האָט גאָר נישט קיין השגחה אויף די קינדער.

ס'יינגעלע — די מאַמעשי דעזאָט.

די אַלטע ליכטציערן — נו-האָסט עפּעס ליב די מאַמעשי? און עפּעס גוט לערנען קאָנסטו? ביי וועמען אין חדר גייסטו?

די יונגע ליכטציערן — יאָסעלען צו לאַנגע יאָר, אין איין עלמער, ביי אברהמ'עלע.

די אַלטע ליכטציערן — ביי אברהמ'עלע? און אַ פּעקיל האָט מען דיר שוין געמאַכט, בחור'יעק?

ס'יינגעלע — ניין!

ס'מיידעלע — ער זאָגט ליגן: ער האָט מיר אָנגעזאָגט — כ'זאָל איבן ניט פֿאַרטסרן—מיטהאָך איז ער אַהיימגעקומען פֿאַרהיינט—מען האָט איבן אָפּגעשמיסן.

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי תּכשיט מײַנער? אַ פּעקל גאָר.

ס'יינגעלע — אַ ליגן.

די אַלטע ליכטציערן— וואָס אַ ליגן?

ס'יינגעלע — מען האָט מיר נישט געמאַכט קיין פּעקיל, נאָר אַמשכּנתּא... ביים דרדקי־מלמד מאַכט מען פּעקלעך — איך בין שוין דרויס (גרויס) איך לערן ביי אַ דמָרא־מְלַמֵד... ביי אונז מאַכט מען שוין משכּנתּאס.

די אַלטע ליכטציערן — אַ גרוילה אויף דיין קעפּ'כיע, חכם איינער... און ווי אַלט ביזטו, דאַכט זיך־דו יערסט זיך די טעג —

ס'יינגעלע — מאָרגן מעטשים,‚ אם ירצה השם,' וועל איך פֿינעף יאָר.

די אַלטע ליכטציערן — אויב אַזוי, קומט דאָך דיר אַ חלק? נאַ, לייג זיך אַריבער, וועל איך דיר מכבד זיין מיט פֿינף שמיץ.— אַ יאָר אַ שמיץ! אַז ס'האָט נישט קיין השגחה, שעם זיך נישט, יינגעלע־וועסט בענטשן די האַנט, וואָס שמייסט דיך.

ס'מיידעלע — זאָלן די ליכטציערן אָפּלאָזן... ס'קינד וועט זיך פֿאַרקייבן.

די אַלטע ליכטציערן – ס'קינד—שוין אַ דערוואַקסענער בחור. נו—די מאַמעשי האָט דיר עפּעס געמאַכט?

ס'יינגעלע – אַ געהאַקט יוביצל פֿון קאַטגאַרן.

ס'מיידעלע — ס'איז פֿון סאַטין.

די אַלטע ליכטציערן — מיש זיך נישט, נו — זאָלסט געזונטערהייט בעושיען (בעניצן).

ס'מיידעלע — מען קאָן דעם קינד נאָך אָן עין הרע געןְ, קום, וועל איך דיר די אייגעלעך אויסווישן.

די יונגע ליכטציערן — קוקט זי נאָר אָן — די בלינדע רייצעס טעכטער'כיע—אַ גאַנצע אָסאָבע—האָט שוין די מאַמעס ניקן, די מאַמע אויסן אויג. נאַ—אָן אַלטן קאָפּ האָט זי... ס'פֿאַרמאָגט מיך, זי מאָג אויך שוין מאַכן אַ ניפּ'כיע. היינטיגע קינדער!

די אַלטע ליכטציערן — היי מיר—זיי גייען דאָך מיר אין וועג אַריין! זע נאָר—עס ציט זיך זיי ליכטיכיע פֿון נעזול.

(ווישט אָפּ די נאָז)

אַז ס'האָט גאָרנישט קיין השגחה אויפֿן קינד. וואָס פֿאַר אַ סדרה גיט—זאָג, יונגעלע, וואָס פֿאַר אַ סדרה גיט?

ס'מיידעלע — וישב.

די אַלטע ליכטציערן — מען פֿרעגט דיך נישט. נו—שעם זיך וואָס אַ מיידל קאָן בעסער לערנען ווי דו. נו — זאָג, וואָס פֿאַר אַ סדרה גייט?

ס'יינגעלע — וישב!

די אַלטע ליכטציערן — העכער.

ס'יינגעלע — וישב.

(צום מײדעלע)

האָט פאַר אַ משאַלענס שטעלט הײנט די מאַמעשי?

ס'ײנגעלע — גרײטשלעך מיט ארבעס.

די אַלטע ליכטציערן — שהײַג, מען פרעגט דיך נישט. נו־רעד אַז מען פרעגט דיך.

ס'מײדעלע — ס'משאָלנט איז נאָך נישט אָנגעשטעלט — איך חיים נאָך נישט. האָט איך הער הײנט קאָבן.

די אַלטע ליכטציערן — אַ גאַנצע בעל־הבית'טע.

ס'ײנגעלע — די מאַמעשי דערזאָט.

די אַלטע ליכטציערן — האָט שוין הידער?

ס'ײנגעלע — די מאַמעשי דערזאָט־גרײטשלעך!

די אַלטע ליכטציערן — און הײ מיר געשען: אָן אַ שאַרק! אַ בלה־מײדל, קנײנע הרע, און אָן אַ שאַרק... אַז דאָס האָט גאָרנישט קײן השגחה אויף די קינדער!

די יונגע ליכטציערן — פאַרמוטשע נישט די קינדער. עופּהי־לעך.

די אַלטע ליכטציערן — כע־איך און זײנע יאָרן־נאָטס ענק צוקער'כיע: זאָלכט קאָנען לערנען... אַ קעפּעלע האָסטו דאָך אַ נימס, מען מוז נאָר העלן... און דו מײדטשיסקע, אָן אַ שאַרק זאָלסטו זיך נישט דערוואָשען פאַר די אויגן צו הײַזן.

(גײען אָפּ)

די אַלטע ליכטציערן — האָט איז טײטש וישב?

ס'ײנגעלע — אַ דרעזעסן.

די אַלטע ליכטציערן — הער איז דרעזעסן?

ס'ײנגעלע — יעקב.

די אַלטע ליכטציערן — ענטפער, הי ס'געהער צו זײן!

ס'ײנגעלע — אין חרן.

די אַלטע ליכטציערן — ענטפער, הי ס'קער צו זײן־מיט אַ פיל װײל:

ס'ײנגעלע — יעקב איז דרעזעסן אין

ס'מײדעלע — (זאָגט אונטער) אין חרן.

די אַלטע ליכטציערן — שהײַג, אַז מען פרעגט דיך נישט. נו, זאָג נאָכאַמאָל.

ס'ײנגעלע — יעקב איז דרעזעסן אין חרן.

די אַלטע ליכטציערן — האָט מאַכט רש"י דערויף?

ס'ײנגעלע — יעקב דרעזעסן אין הרן. מאַכט רש"י — בִּקש יעקב לישב בשלוה — יעקב דערהאָלט זיצן בשלוה, קפץ עליו רוגזו של יוסף — איז אויף אים אָנגעשפרונגען די דרימצאָרן פון יוסף.

ס'מײדעלע (זאָגט אונטער) — צו עשו!

די אַלטע ליכטציערן — אַ ײדיש קינד קאָן דאָכט זיך קײן צװײ נישט צײלן, און אַז עס צולאָזט זיך אויפן קולעכל מיט לערנען, פאַר־הילכט די שטוב.

(רופט זיי צוריק)

די אַלטע ליכטציערן — נו, האָס זאָגט מען?

ס'מיידעלע — אַ שיינעם דאַנק.

די יונגע ליכטציערן — שמיר דיר אויס די שיך, האָס האָט עס געגעסן היינט צו מיטאָג?

ס'יינגעלע — גרייפּלעך.

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי—או האָ! ארחבות—גרייפּלעך!

די יונגע ליכטציערן (רופט זיי צוריק) — נאָסט ענק אַ סמאַניקל מיט יאַגדע-זאַפט.—נאָר שהאַרצט ענק נישט אין די ציין—אין ס'זאָלט שטענדיק נעמען דאָ ליכט. נאָר פריער.

(ביידע, די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן, שלעפן די ליכטציערס און קרעכצן)

ש'—אַפּראַצע. נו—נעם שוין.

(די קינדער בלייבן שטיין ביי דער טיר)

די אַלטע ליכטציערן — נו — דערהאָקסענער בחור, לייג צו אַ האַנט! (דאָס יינגל העלפט—די ליכטציערס רירט זיך פון אָרט) נו — מען זעט באַלד, אַ מאַנסביל צוגעלייגט אַ האַנט. נו-מיינע באַהעלפערס — ס'האָסט ענק שוין געננג זיך געזוימט; די מאַמעשי וועט איך זוכן — ברויכט ענק אַ גאַנג.—נאָר פאַרקריכט זיך נישט.

און שבת מעסט דערלעבן—קום אַריין. וועט מען דיך פאַרהערן—יאָ, אין דערפאַר', וועסט מיר האַלטן ס'חומש צום שולגאַנג.—דער עירוב איז שוין ווידער קאַליע.

ס'יינגעלע — כ'היל אַ טאַפּיטע.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס, געלט: וואָס טויג דיר געלט?

ס'מיידעלע — ער זאַמלט זיך—אויף אַ מעסערל.

די אַלטע ליכטציערן — אויך אַ קניפּ'ביע—קינד און קייט מיט אַ קניפּ'ביע: אַ העלט! נאָ דיר אַ צהייער, נאָר זאָלסט נישט מאַכן, ווי יענע וואָך: אַהעקגעלייגט דעם סידור אין מיטען מאַרק און אָבגעשריגן: „ס'קופּקעלע מיטן יופּקעלע"—לאָבוס! שייגעץ!

(דרייט אים ס'אויער)

ס'יינגעלע — כ'על שוין נישט!

(**די יונגע ליכטציערן** נעמט ס'קינד, וויל עס אַ קוש טון, רייסט זיך אַרויס)

ס'מיידעלע — האָט מורא, ס'עט אים וואַקסן וואָנסעס — (לויפן אַרויס) אַ דיטן שבת!

די יונגע ליכטציערן
די אַלטע ליכטציערן } אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר!

(די ווייבער נעמען אויפראַמען. מען האַקט האָלץ, נישט מיט קיין האַק, נאָר מיט אַ האַקמעסער; מען האַקט שפּעטער מיטן זעלבן האַקמעסער פיש; מען וואַרפט אַריין קופּערנע מטבעות אין דער פּושקע פון ר' „מאיר בעל-הנס" און „הכנסת כלה"; מען גיסט אַדורך דורך אַ ליעק ראָזשינקע-וויין; אַלע קלאַנגען, — פון האָלץ-שפּאַלטן, פון פיש-האַקן, פון קופּערנע מטבעות אין דער פּושקע, גיסן זיך צונויף אין אַ היימליכן ע ר ב - ש ב ת - ק ל א נ ג. אויך די באַוועגונגען זענען פייערליכע, מיט צוגעגרייטקייט און אויסגע-מאַטערטקייט).

די יונגע ליכטציערן — אין גאנצן גראַט עס אריין צו מיין יאָ־סעלען—אים צו לאנגע יאָר—יאָסעלע.

די אַלטע ליכטציערן — נו — ס'איז שוין שבת — מען טאָר נישט קלאָגן. נו — אויסגעווישט די אויגן! אָט אזוי! דער שבת רוקט אָן.

(די יונגע ווייגט)

די אַלטע ליכטציערן — נו-הער שוין אויף! א מענש מוז זיך שטארקן.

די יונגע ליכטציערן — אז די טרערן לויפן אליין.

(ווישט זיך אויס די אויגן — דאָס פּנים באַקומט ווידער א שיין)

די אַלטע ליכטציערן — נו-הער שוין אויף! באַקומסט באַלד א חלק: נו-בּיזט דאָך נישט קיין קינד.

די יונגע ליכטציערן — קינד.

די אַלטע ליכטציערן — מע מוז מורא האָבן פאַר גאָט — נאָר צושטער מיר נישט די שבתים.

די יונגע ליכטציערן — צושטערט.

די אַלטע ליכטציערן — נו-נעם דיר אין זינען אריין — נו-זה א מענש. אָט אזוי. א מענש מוז זיך שטארקן. אלץ איז זיין רצון—נו—מען מוז פארליב נעמען.

די יונגע ליכטציערן — די שוויגער.

די אַלטע ליכטציערן — נו — רעדסט שוין א קיגן? נו - שטיל! מען דאַרף שבת מאַכן. דער וואָס טוט זיך נישט ערב שבת, האָט נישט אויף שבת-נו-גענומען זיך!

די יונגע ליכטציערן — שוויגער, דאָס יום'טובדיגע טונדל ארויס. שטעלן אין אלקערל אריין? וואָס?

די אַלטע ליכטציערן — און וואָס פשעשקאדזיעט עס דיר? זאָל עס שטיין.

(עס קומט אריין א הונט, ביוכעט, ביולעט)

די יונגע ליכטציערן — א פּודזשאַס („אַוועק").

(לאָפּט דעם בעזים)

די אַלטע ליכטציערן — פּוטש טו („אַהער") פאַריאָג נישט דעם כלב. אויך א לעבעדיק באשעפעניש. וויל טועם זיין דעם טעם פון שבת.

(נעמט ארויס א ביינדל פון טאָפּ, וואַרפט אים צו)

(עס קומען אריין האַסטיק קונים פון ליכט: א קעכן, א שמש, סתם א ייד, ס'רוב שוויגנדיגע, טייל ברומען און אומפארשטענדליך ווארט).

די יונגע ליכטציערן — נו — זאָל שוין די שוויגער אָפּפאַרטיגן די קונים. זיך אויסגעקראַצט פאַרגעבנס פּראָמיסיאָן.

קונים — א שטאַלץ חבל — א נגידית'טע — שטייט איר נישט אָן. ווען נישט היה לאה'שי, די ליכטציערן, וואָלט זי אלע קונים פאַר־יאָגט. א גוטן.

די אַלטע ליכטציערן — א גוטן! א גוטן! דער קוגל זאָל אין גראָטן.

(עס קומט אריינצוגיין, איינגעוויקלט אין א טוך, א פּרויענצימער; אומדרייסט קוקט קיינעם נישט אין די אויגן).

די אַלטע ליכטציערן — ארויס, מרשעת, וויפל מאָל האָב איך

איר געזאָגט, זי זאָל זיך מיר איין די שהעל נישט חזין.

(טרײַבט זי מיטן בעזים)

די אַלטע ליכטציערן — קומען זי, הייב׳ביע האָס זאָגן זי גוטס?

פרויענצימער — כ׳האָב יאָרצײַט — אַ יאָרצײַטליכט.

די יונגע ליכטציערן — ארויס.

די אַלטע ליכטציערן דערלאַנגט איר אַ גרויס ליכט—

(דאָס פרויען-צימער נעמט עס ציטערדיק און גייט פאַרשעמט אַוועק)

די אַלטע ליכטציערן — וואָס טרייבסטו? מיט האָס איז מיין שטוב ערגער פון גאָטס הויז? אַ מענש טרייבט מען נישט.

די יונגע ליכטציערן — אַז זי איז אַבאָסובקע,

די אַלטע ליכטציערן — נישט מיר משפט׳ן. אפשר האָט איך היינט גאָט אַ געדאַנק איינגעפלאַנצט אין האַרץ — זי זאָל זיך בעסערן און תשובה טון.

די יונגע ליכטציערן — אַז זי איז אַ באָסובקע — גיט זיך אָפּ מיט זעלנער!

די אַלטע ליכטציערן — זעלנער! — זעלנער!

(קוקט זיך אום שרייענדיק מיט דער שניר)

אַ ייִדענע (מיט אַ געוויין) — לאַה׳שי, לאַה׳שי קרוין! מיין מאַן איז אַדעק-געפאַלן — גיט מיר ליכטלעך!

אַ ייִנגעלע (מיט פרייד) — מזל טוב, לאַה׳שי — די מאַמעשי געלעגן געוואָרן — גיט מיר ליכטלעך!

די יונגע ליכטציערן (
((גאַנץ שטיל, מיסטעריעז, דערלאַנגען די ליכט)
די אַלטע ליכטציערן (

(לענגערע שווייגענדע פויזע)

(די אַלטע ליכטציערן בעט דאָס בעט — כדי זיך נישט צו פאַרפּעדערן,

בינדט זי ווידער אַרום דעם קאָפּ מיט אַ האַנטוך)

די יונגע ליכטציערן — לאָז — דאָס בעט העל איך שוין אויפ-בעטן —

די אַלטע ליכטציערן — ס׳אַרא שאַנקעדיגע ציכן — ראָסטאָווער לײַווענט.

די יונגע ליכטציערן — זשיראַרדאָווער.

די אַלטע ליכטציערן (פּיצט אויס דאָס פאַרקאָפּטשעטע גלעזל פון דער לאָמפּ מיט אַ פלעדערוויש)

די יונגע ליכטציערן — נאַ — די לאָמפּ ברענט נישט גוט. דער נאָפט צים — קאָפּטשעט.

די אַלטע ליכטציערן — ס׳איז דען נאָפט? געמישט — הייסט דער יוה, וואָס זיי טוען אַרײַן דערין.

די יונגע ליכטציערן — לאָז — כ׳על צושנײַדן די קנויט, שוין מער, ווי אַ העלפט אויסגעברענט.

די אַלטע ליכטציערן — אויסגעברענט? — פאַרקאָפּטשעט, עך.

(מען קלאַפּט אין טיר, מען ברענגט אַ טעלעגראַמע.

די יונגע ליכטציערן נעמט זי אָפּ)

די יונגע ליכטציערן — שהיגער — מיר זאָלן אַזוי ביידע דער-

לעבן—אַ דעפעשע !— ער האָרט נאָך אין דרויסן, דער בריף־טרעגער. זאָל אים די שוויגער געבן פאַרן וועג.

די אַלטע ליכטציערן — פון ת׳ימ׳ן?

די יונגע ליכטציערן (פאַלט אַרויף אויף די שוויגער) — ער קומט דאָך ! ער קומט דאָך ! געצווינגן אַזשרעבעק האָט ער — ער קומט דאָך !

די אַלטע ליכטציערן (צובראַכט דאָס גלעזל, וואָס זי האָט געפּוצט)— אַנעשיקעניש.

די יונגע ליכטציערן — נאַר — זאָל שוין זײַן מיט מזל.

די אַלטע ליכטציערן — זאָל שוין אַלדאָס בײַז אַרויס פון שטוב — און אַלדאָס גוטס אַרײַן אין שטוב. ייִדישע קינדער ! חיים קומט ! אויסגעדינט — אַ זשרעבעק.

די יונגע ליכטציערן — און כ׳קאָן דאָך מיר נישט קיין אָרט געפינען — שוויגער — וואָס שטייט די שוויגער ? שוויגער !

די אַלטע ליכטציערן — שוויגער אַהין און שוויגער אַהער ! מע מוט דאָך.

די יונגע ליכטציערן — חיים קומט, מײַן לאַבטיגער חיים קומט! שוויגער !

די אַלטע ליכטציערן (קוקט זי אָן אויפדרייענגענד).

די יונגע ליכטציערן (שטאַרער בליק).

(לאַנגע פּויזע. טרויער אויף די פּנימער).

די אַלטע ליכטציערן (פאַלט אַרויף אויפן שולטער) — מײַן אָרעם קינד !

די יונגע ליכטציערן — און ס׳איז דאָך מיר פינסטער פאַר די אויגן. און וואָס וועט זײַן, ער וועט אַהיימקומען און די שטוב וועט זײַן ליידיג — האָב איך מיך אַ גאַנצן טאָג געפרעגט. צו ווען קומט ער? צו די ליידיגע ווענט ?

די אַלטע ליכטציערן — ד׳ נתן, ד׳ לקח

און אַז יאָסעלע האָט געלעבט, איז ער דאָך, ווי אַ שפּיל־פייגעלע אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב און אַלעס פאַרשיינט.

די יונגע ליכטציערן — שוויגער:

„איז געקומען דער מלאך המות,
האָט ער צוגענומען דאָס וואָכעדיגע קלייד,
האָט ער צוגענומען דאָס שבת׳דיגע קלייד—
און מיך אַליין“. —

די אַלטע ליכטציערן — לכּל עת - פאַר אַלעם איז אַ צײַט— און יעצט איז נישט קיין צייט צו וויינען, טאָכטער; ווישׁ אָפּ דײַנע אויגן— און שיט אָב דײַנע אַקסלען פון טרויער—וואָרום דער הייליגער שבת קומט.

די יונגע ליכטציערן — און ער — וואָס וועט ער זאָגן, אַז ער וועט זיך דערוויסן פון זײַן בראָך?

די אַלטע ליכטציערן — שווײַג ! האַלט אײַן, טאָכטערשי, דײַן צער אין דײַן שוים—און פאַרשטער מיר נישט דעם שבת—וואָרום ער וועט עס נישט איבערהויפּטן, וויש אוים די טרערן, וואַרף אַראָפּ דעם שטויב, וואַך אויף, טרויערנדע—וואָרום...

די יונגע ליכטציערן — איך פֿאָלג.

די אַלטע ליכטציערן — און אויף שבת־צו־נאַכט צו דער פֿוילער וואָך, וועט מען נעמען דאָס פּוס־בענקעלע און זאָגן: חיים, זעץ זיך שבעה.

די יונגע ליכטציערן — איך וועל עס נישט איבערטראָגן.

די אַלטע ליכטציערן — צו צרות איז מען שטאַרק — מען זאָל נישט געפּרובט ווערן. קינדער האָב איך געבוירן — און קינדער האָב איך פֿאַרזייט — אויף אַלע פֿיר ווינקלען פֿון דער וועלט — און — פֿאַרליב! גאָט ברוך הוא איז אַ פֿאָטער.

די יונגע ליכטציערן — און אַז מען געבירט קינדער אויף צו פֿאַרזייען — איז דאָך שוין גלייבער נישט געבוירן צו ווערן?

די אַלטע ליכטציערן — שווייג, טאָכטער, און ברענג נישט אַרויס איבער דיינע ליפּן אַזעלכע אָבקערעריש׳ע רייד. לאָמיך — לאָמיך ברענגען דעם שבת אין שטוב אַריין.

די יונגע ליכטציערן — דאָס טייג זויערט... כ׳על פֿאַרקנעטן, און חלה נעמען — און פֿלעכטן.

(קנעט)

די אַלטע ליכטציערן — וואָס פֿאַר אַ געלענק! זעסט דאָך אויס, ווי תמר, וואָס האָט געקנעטן אַ טייגל פֿאַר איר ברודער אמנון.

די יונגע ליכטציערן — אַבּיסעלע זאַפֿראַן — און זאָל די שווינער אָנגרייטן דעם צימערינג און בוימל.

די אַלטע ליכטציערן — נאַ! דעם בוימל מיט די פּענזילקעס — מאָן צו באַשיטן. ווי דאָס קנעט, ווי דאָס פֿלעכט.

די יונגע ליכטציערן (קנעט דאָס טייגל. דער בוימל טריפֿט איבער אירע פֿינגער)

די אַלטע ליכטציערן — ווי דאָס פֿלעכט! העניטלעך, — און די פֿינגער דין און דאַרבזיכטיג, ווי סטעאַרין — ערשט געפֿלאָכטן די קנויטן און איצט פֿלעכטן זיי חלות.

(די יונגע ליכטציערן פֿלעכט די חלות, מיט דער זעלבער באַוועגונג — ווי זי האָט געפֿלאָכטן די קנויטן.*)

די יונגע ליכטציערן — געוואוינט — געפֿלאָכטן אַ קליין חלה־לע פֿאַר יאָסעלען — וועל איך עס אַוועקשיקן.

די אַלטע ליכטציערן — נו — זעלדעשי — די לאָקשן שנייד איך — חיים וויל נישט עסן קיין אַנדערע לאָקשן, נאָר די מאַמעס לאָקשן.

(זי קנעט און שניידט די לאָקשן)

די יונגע ליכטציערן — מיט די לאָקשן, שוויגער, ווער איך באמנות איבערזיכטיג — חיים וויל נאָר די שוויגערס — עס איז דין און לאַנג — און עס גייט אַראָב באַלד אין קעל אַריין. ער דערקענט! ווי מאַכט עס די שוויגער?

די אַלטע ליכטציערן — אַ סוד, טאָכטערשי, אונזערס אַ משפּחה־סוד... מען וועט אויסזיין אין דער גאַנצער וועלט — און קומען אין אַן אכסניא — און מען וועט דערלאַנגען לאָקשן אויפֿן טיש — איז אויב

*) ווידערהאָלינג פֿון באַוועגונג — איין באַוועגונג פֿאַר צוויי טאַטן — באַמערקונג פֿאַרן רעזשיסאָר

ס'וועט שטאַמען פֿון אונזער משפחה, וועט מען עס דערקענען, אַ משפּחה־סוד.

די יונגע ליכטציערן — און ווען וועט מיר די שוויגער איבער־ענטפֿערן דעם סוד—אַז כ'זאָל קאָנען פֿאַרקנעטן אַ טייגל, ווי מײַן מאַן האָט ליב?

די אַלטע ליכטציערן — ווען די צײַט וועט קומען... און איצט איז עס מײַן חזקה, טאָכטערשי. אין מײַן טראַכט האָב איך אים גע־טראָגן און פֿון מײַן מילך האָט ער געזויגן און זיך דערנערט — און דעריבער פֿרייען זיך אַזוי קינדער ביז אין דער עלטער צו עסן פֿון דער מאַמעס געקעכץ—

די יונגע ליכטציערן — און איך בין אַ יתום פֿון געבוירן אָן. מײַן מאַמע, די געווינערן, איז אַנטגאַנגען—און איך האָב נישט געזויגן איר מילך און נישט געגעסן איר געקעכץ.

די אַלטע ליכטציערן — דערפֿאַר ביזטו שיין און שאָנקעריק — וואָרום גאָט פֿאַרלאָזט נישט קיין יתומים. מען האָט דאָך מיר די שטיבן אײַנגעריסן מיט נגידישע שדוכים און מיט פֿאַרמעגענצער — נאָר איך האָב אויף דיר געוואָרפֿן אַן אויג.

די יונגע ליכטציערן — איך בין נישט מזל'דיק אַרײַן אין שטוב.

די אַלטע ליכטציערן — אֶמונה, קינד מײַנס, בטחון — אונזער מזל וועט נאָך פֿאַרשײַנען.

די יונגע ליכטציערן — די שוויגער איז אַ צדקות'דיק מענש. צו גוטע מענשן בין איך אַרײַנגעפֿאַלן.

די אַלטע ליכטציערן — דײַן מאַמע אין קבר מיט זיך פֿאַר דיר.

די יונגע ליכטציערן — און יעצט האָב איך נאָך וועמען, וואָס זאָל זיך מיען.

די אַלטע ליכטציערן — יאָסעלע — קינדער קומען ריין פֿון גאָט — און אודאי אין זײַן זכות האָט חיים דעם זשרעבעק גע־צויגן.

די יונגע ליכטציערן — ווען קומט די באַן?

די אַלטע ליכטציערן — דער צוג שטעלט זיך נישט אָפּ אין פּניעוואַ, נאָר אין קוטנע — וועט ער מוזן קומען אַ שטאָך אין שבת אַרײַן.

די יונגע ליכטציערן — און אפֿשר וועט ער דאָרט איבערנעכ־טיגן?

די אַלטע ליכטציערן — ניין! ער וועט קומען, ער וועט זיכער קומען — דו האָסט אַ טויב געזען, און איך האָב אַ גלעזל צובראָכן — ער וועט קומען, און יעצט אָבצוואָגן זיך — און וואַש דיך מיט די שמע־קעדיקע זייף. אַ יידיש ווייבל מוז זיך צירן און פּוצן, אַז זי זאָל נושא־חן זײַן בײַם מאַן.

(די יונגע ליכטציערן גייט אַרויס, צוזאָגט זיך אין אַלקערל. חיה לאה נעמט אַרויס פֿון דער שאַנק אַ האַנטעך און אַ העמד און דערלאַנגט עס איר אין אַלקערל אַרײַן)

די אַלטע ליכטציערן — נאַ—ס'לאַנגע האַנטעך—כ'האָב עקסטרע אַרויסגענומען ס'לאַנגע האַנטעך — און ווייש דיר גוט אויס די אויגן.

די יונגע ליכטציערן (קומט צוריק פֿון אויסגעצוואָגענע, מיט אַ לעכטיק פּנים) — און יעצט זאָל זיך די שחיגער וואַשן.

די אַלטע ליכטציערן (קומט צוריק באַלד) — און אין איין וועגט האָב איך שוין געבּרענגט דעם שבת אין שטוב אַרײַן.

די יונגע ליכטציערן — וואָס האָסטו געבּרענגט?

די אַלטע ליכטציערן — דעם שבת.

די יונגע ליכטציערן — אַ — כ'ווייס שוין! דאָס איז שוין דער שחיגערס עול.

די אַלטע ליכטציערן — מען מוז זיך פֿאַרזען. יעדן טאָג מוז מען עפּעס טון לכּבֿוד שבת. נאַ — לערן זיך, ווי מען דאַרף זיך פֿירן.

די יונגע ליכטציערן — איך הער!

די אַלטע ליכטציערן — זעה — דאָס איז אַ בּענדל — אַזוי בּין איך זיך נוהג, זינט כ'בּין צו מײַן שכל געקומען. אַ בּענדל — דאָס האָב איך זונטאָג אָנגעגרייט — אַ בּענדל אויף צו־צו בּינדן ס'משאָלכט; און דאָס איז אַ דרים פֿאָדעם מיט גאַרן — דאָס האָב איך מאָנטאָג אָנגעגרייט — אַ דרים פֿאָדעם מיט הייסן גאַרן דאָס מעגעלע צו צונייען, און דאָס איז —

די יונגע ליכטציערן — אַשר־יצר־פּאַפּיר אויף שבת. ווי די שחיגער געדענקט דאָס.

די אַלטע ליכטציערן — מען טאָר דאָך שבת נישט רייסן, מוז מען זיך אָנגרייטן — אַ מענש מיט דעת גרייט זיך. גרייט מוז מען זײַן, טאַכ־טערשי, גרייט.

(די אַלטע ליכטציערן גייט אַרויף אויפֿן עלמער, נעמט אַראָפּ ספֿרים).

די יונגע ליכטציערן — זאָל די שחיגער לאָזן —

די אַלטע ליכטציערן — נעם דעם קרבּן־מנחה־סידור מיט מעמדות, און די צאינה וראינה און די תּחינה — דער טאָג איז גרויס און די וואָך איז לאַנג — איז דאָ עפּעס אויסצוזאָגן און אויס־צוקלאָגן, רעכט, מיר גייען דאָך עפּעס אַרײַן אין אַ נײַ לעבּן.

(די יונגע ליכטציערן דערלאַנגט די ספֿרים; בּינדט זיי אַרום אין אַ ווײַס שניפּטיכל).

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי טאָכטערשי! מיידלהייז בּיזטו גע־ווען פֿאַרטון אין די מעשׂה'ביער — „אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" — און איצט בּיזטו שוין אַ חבֿיבל — מוזטו היטן ס'יודישקייט. נו — האָס נאָך? האָבּן מיר שוין אַלעס אָנגעגרייט? — אַי אַ גלעזיכיע — אויף דער שאַנק איז דאָ אַ גלעזיכיע צו דער לאָמפּ — נאַ, נעם אַראָפּ.

די יונגע ליכטציערן (גייט אַרויף אויף אַ לייטער און ציט פֿון דעם זייגער — אַ רונדיגער מיט אַ מילך־ווײַסן ציפֿערבּלאַט און לאַנגע קייטן מיט געוויכטער. סקריפּען און קלינגען)

די שפּעט איז?

די אַלטע ליכטציערן — אַז פֿינעהע איז ליכטצינדן (קוקט אויף דער זון) און איצט איז נאָך אַ שעה צו זון־אונטערגאַנג, האָבּן מיר.

די יונגע ליכטציערן — פֿירע. דער זייגער אײַלט זיך.

די אַלטע ליכטציערן — די צײַט לויפֿט.

(זעלדע גייט אַראָפּ פֿון לייטערל)

(אין פענסטער הערט מען דריי קלעפ און א שטים: „אין שול אריין,
אין שול אריין“).

די אלטע ליכטציערן — מען רופט שוין! מען רופט שוין אין שול אריין! דער הייליקער שבת קומט אן. באלד איז קבלת שבת.

(אין שטוב הערט א וועלע פינסטער. דורך דער שויב קוקן אריין
צווי פשוטע יידן: א שווארצער און א ווייסער)

די יונגע ליכטציערן — ווער עפנט דאס פארהענגל און קוקט אריין אין פענסטער?

די אלטע ליכטציערן — גוטע מלאכים זענען דאס — שלום־עליכם, מלאכי השלום—זיי קוקן אריין אין פענסטער — דער מלאך טוב בענטשט דאס הויז—און דער מלאך רע זאגט נאך אמן, און מאָ־מער חלילה נישט —

די יונגע ליכטציערן — א, כ'זע שוין—דער הויכער יאם מיטן בלינדן פייתיש—פון די שומרי־שבת; זענען בודק די שטוב, ווי א מזוזה, האס זאגט עטס, יידן?

די אלטע ליכטציערן — שטיל, מאכמערשי, אז יידן קוקן אריין אין א פענסטער, הייסט מען קיינמאל נישט, ווער זיי זענען; און אפשר איז עס איינער פון די ל"ו? און אפשר אליהו הנביא? און אפשר גאר מלאכים? א ייד הייסט דאך קיינמאל נישט צווישן ווערן ער גייט ארום.

(אין פענסטער קלאפט מען ווידער: „אין שול אריין! אין שול אריין!“)

(מען זעט דעם רויגן, פלאמענדיגן זון־אונטערגאנג איבער דעם שטעטל).

(באלד זעט מען אויפפינקלען אין די הייזלעך ליכט).

די יונגע ליכטציערן און די אלטע ליכטציערן

(צירן זיך אויס אין שענסטן, אין בעסטן, ווי צו א חתונה).

(בענטשן ליכט מיט פשוטן און הארציגן טאן, די לייכטערס זענען מעשענע,
שווערע און קליינע).

די יונגע ליכטציערן — און יאסעלעס לייכטערל?

די אלטע ליכטציערן מאכט א באוועגונג מיט דער האנט איבערן מויל
אז זי זאל זיין שטיל.

(זון־אויפגאנג פארלעשט ביסלעכווייז—דאס פענסטער פארשיינט
פון אויפבליצנדע ליכטלעך)

(די יונגע ליכטציערן קוקט ארויס אין דרויסן)

די אלטע ליכטציערן — (פארהוסט זיך) דער חלב זיך געלייגט אויפן הארץ.

די יונגע ליכטציערן — ליכטלעך! די גאנצע שטאט, פול מיט ליכטלעך. אזוי ווי חנוכה־רערן זעען אויס די הייזער. פלים און פלאם — אנגעצונדענע און אויפגעלאכטענע... אומעטום... אומעטום... טייזענט אויגן האט די גאס—מילדע אויגן! רוהיגע אויגן!—ליכטלעך—אין טורעמעל, ביים קלויזמער, ביי בערל שוסטער—אומעטום ליכט־לעך! און יעדעס האט א שטילן שיין — א ליכטיגקייט און א פרייד, פרידן אין הויז — שלום־בית. אזוי ווי א חופה — אזוי ווי צו א חופה טאנצן די צוהויקערטע הייזיכע מיט ליכטלעך אין די ווענט — צו א חופה פאר די קעניגן שבת. לכה דודי לקראת כלה.

די אַלטע ליכטציערן — און אויף אונזער הארץ ליגט זיך דער שווערער חלב—נאָר פאַר אלע א פרייד. מיר האָבן זיי געפלאָכטן די קנויטן, מיר האָבן געטאָפּיעט דעם חלב, מיר האָבן געצויגן די ליכט־לעך — אונזער פרייד.

די יונגע ליכטציערן — זע—דער מארק שיינט אויף!

די אַלטע ליכטציערן — און עס לייכט און עס טריפט א טרויער האָרום טייל ליכטלעך זענען טרויעריק.

די יונגע ליכטציערן — ווי טרויעריק?

די אַלטע ליכטציערן — אזוי ווי צוקאָפּנס פון א מת.

די יונגע ליכטציערן — און ווער איז ער, דער מת?

די אַלטע ליכטציערן — די וואָך! אויסגעצויגן, ווי א גוסס ליגט די וואָך.

די יונגע ליכטציערן — פון שול איז א געזאנג. לכה־דודי־געזאנג.

די אַלטע ליכטציערן — און דעריבער איז אין פרייטאג בין־השמשות אזוי באנג.

די יונגע ליכטציערן — מען זעט, ווי דער שבת מיט דער וואָך טוט זיך שיידן,

די אַלטע ליכטציערן — זיי שטיל. זיי שטיל. א שאָרך אויף די שוועל. מלאכים קומען פון גן־עדן.

די יונגע ליכטציערן — א הייליקע רו איבערן גאנצן לאנד אויסגעשפרייט —

די יונגע ליכטציערן — די כלה קומט, דער שבת קומט. אינגב חופה־קליד —

דער אויסגעדינטער זעלנער

טוט א קלאפּ אין טיר. קומט מיט א משא אנגעטון, אין זעלנערישע מלבושים. ער, פול מיט מאנסבילפרייד צום צוריקקומען און דעריבער ברייט אויסגעשפרייט די אָרעמס; די פרויען ביידע ווי זיילן פארשטארט, איינגעקאָרטשעט, די הענט זענען ווי אנטקומען געוואָרן, שטומע סצענע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — גו־וט שבת.

(אויף ליטוויש)

שטייט א וויל אין א פארלעגנהייט—ווייסט נישט צו וועמען פריער צוצופאלן— צו דער מוטער אָדער צו דער פרוי).

(די יונגע ליכטציערן שפרינגט אויף, ווארפט זיך אין זיינע אָרעמס)

(די אַלטע ליכטציערן קוקט א ווײלע אוועק)

די יונגע ליכטציערן — חיים, מיין מאן.

די אַלטע ליכטציערן — חיים, מיין זון.

(די יונגע ליכטציערן האלזט אים)

די אַלטע ליכטציערן — איך בין דאך א מאמע. כ'האָב דאָך אויך אין אים א חלק.

(פאלט אין זיינע אָרעמס)

דער אויסגעדינטער זעלנער — מוטער—מאטושקא ט'.

די יונגע ליכטציערן — און וואָס פאר א מעמד זע איך דיך.

די אַלטע ליכטציערן — האָס איז דאָס — פּליצדאַלבעם — האָס פֿאַר אַ מאַמושקאַ! ביזט דאָך געוואָרן אַ גאַנצער ליטוואַק. זאָג, מאַמע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאַמע.

די אַלטע ליכטציערן — אזוי היימיש—חי אַמאָל: מאַמע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאַמע.

די אַלטע ליכטציערן — נו—האָס מאַכסטו גיכט — מ' פֿון העגן?

די יונגע ליכטציערן — און הונגעריק—און געפּייניקט פֿון דער פֿרעמד.

(דער אויסגעדינטער זעלנער וואַרפֿט זיך נאָכאַמאָל קושן די פֿרוי)

די יונגע ליכטציערן — מײַן לאַכטיקער מאַן! מײַן טייערער מאַן! מײַן שמעקעדיקער מאַן!

(דערשפּירט פּלוצלינג פֿון זײַנע שטיוול און שינעל אַ שלעכטן ריח, גיט זיך אַ קרום)

דושעגעכטש! וואַרף אַראָפּ דעם זעלנער פֿון זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ טרונק!

די אַלטע ליכטציערן — פֿאַר קידוש — נאַ! כ'בין דיר מתיר. אַנגעפּלאָנט זיך אין דער פֿרעמד.

די יונגע ליכטציערן — וואַש זיך, באַלד איז קבלת שבת.

די אַלטע ליכטציערן — אָנגעגרייט דיר אַ האַנטעך און אַ העמד (דערלאַנגט אים) רייניק זיך, קינד.

דער אויסגעדינטער זעלנער גיט זיך וואַשן. פּלוצים זעט־זשע ער

אין פּוס־בענקעלע, אויף וועלכן ער וועט שפּעטער זיצן שבעה, ער פֿאַלט שיער גישט)

און וואו איז מײַן זשון? („זון“)

די יונגע ליכטציערן — אָװעקגעפֿאָרן. די מומע רבֿקה איז דאָ געווען, האָט זי אים מיטגענומען.

(צװויינט זיך)

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס־זשע היינטצו?

די יונגע ליכטציערן — פֿאַר פֿרייד.

די אַלטע ליכטציערן (מיט אַ געשטיקט קול — ווי אַ'עכאָ. — זי שפּרינגט אונטער) — פֿ אַ ר פֿ ר יי ד. קינד'ביע מײַנס—פֿאַר פֿ ר יי ד.

פֿאָרהאַנג.

צווייטער אקט

דאָס זעלבע צימער, וואָס אין ערשטן אַקט, נאָר אָן די וואָכנדיגע כלים, ווי דאָס ליכטציערײ־געשטעל, — דער ארבעטס־טיש, די מילכיגע באַנק. די שטוב זעט אויס גרוימער; אויפן אָרט, וואו עס געפינען זיך די בעטן — אַ מחיצה מיט אַ פאַרצייטיש פאָרהענגל; אין דער שטוב פאַלט באַלכסון אַ גערדיכטער שטראַל און אינם ליכטפאַס זעט מען גאָלד־שטויבעלעך.

די אַלטע ליכטציערן טראָגט אַדורך אַ שיסל, נישט אין גאַנצן אָנגעטון, נאָר אין אַ חיים שבת׳דיג קאַפּטעגדל; זי האַלט די שיסל, ווי אַן אוצר. די פיס הינקען. זי קוועלט.

דער איינגעדינגטער זעלנער און די יונגע ליכטציערן

ליגן מיטן קאָפּ אויף אַ קישן — יעדער אין זײַן בעט. דער זון־שײַן פאַלט אויף זיי. פון פענסטער אַרויס אַ ליכטיגע פראַסט, שנײ אויף די דעכער).

די יונגע ליכטציערן – חיים, דו שלאָפסט?

דער איינגעדינגטער זעלנער — ניין, אַ דזשימיבּיע („שוואַכער

שלאָף".

(רעדט מיט אַ האַלב ליטווישן אַקצענט; ווען ער ווערט אויפגערוימט, רעדט ער מיט אַ היימישן אַקצענט, ווי אַלע — נאָר ביי פשוטע זאַכן וואַרפט ער אַריין רוסישע און ליטווישע אויסדריקן.

ער רעדט מיט צ ח ו ש ט י מ ע ן. יאָרום יעדער מענש האָט אייגענע קלאַנגען אין זיין שפראַך, אַט אַזוי ווי ס'ענדערט זיך די מראה אויפן פנים).

[באַמערקונג פאַרן אַקטיאָר]

די אַלטע ליכטציערן (אָפּ).

די יונגע ליכטציערן — חיים, דו שלאָפסט? זע נאָר — ב'קאָן די אויגן נישט עפענען.

דער אויסגעדינטער זעלנער — ס'זשמורעט. ס'ליבט זשמורעם פון לאָדן.

די יונגע ליכטציערן — אַ שטראַל —

דער אויסגעדינטער זעלנער — ס'זשמורעט. זון — גאָלדענע שטויבלעך — ס'לייכט.

(די אַלטע ליכטציערן עפנט אין דרויסן דעם לאָדן)

די אַלטע ליכטציערן — כאַטש זיך אויסגערוט אין אייגן בעט?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אויסגערוט — נאָר אין דערפרי ס'דזשיט'ביע איז ס'בעטעססטע. קאַזשעטסיאַ — אומעטום די זעלבע זון אַ לאָדן, שטויב אין שטוב — נאָר אין דער היים איז דער שטויב אַנדערש, זון אַנדערש, לאָדן אַנדערש. — עך, באַזשע מאַי — אַ מחיה —

ס'זשמורעט. אַ שאָד, מיין בחור'יעך נישמאַ. עפעס אַ וואוילער יונג — האַ? אַ יונגאַטש, האַ? (בייזע)

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס ביזטו בלאָס — האַ?

די יונגע ליכטציערן — פון קישן — ס'שיינט אָפּ פון בעטגעוואַנט.

די אַלטע ליכטציערן — (ווי אַנ'עלאָ) פון בעטגעוואַנט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָבער אַ וואוילער מאַלאָדיעץ האַ? אַ שקאָץ? — געפאָרן אַהער מיט בערל גאָמבינער, צוזאַמען אַזשרע־בעק געצויגן, האָב איך אים אַ גאַנצן וועג אָנדערציילט פון מיין יורש — ער וועט עקסטרע אַהערקומען זעען דעם יורש.

די אַלטע ליכטציערן (ווילנדיק איבערפירן דעם שמוס אויף אַן אַנדער זאַך) — או־וואַ־או־וואַ־האָט בערל גאָמבינער טאַקע געצויגן אַזשרע־בעק?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אודאי געצויגן — הימליך גע־וועןאויפן וועג. יעי באָגו!

(זינגט אויף ליטוויש)

„האָט אַיִוד אַ ווייבעניו,
האָט ער פון איר צרות,
וואַרפט ער זי גאָר אַוועק
אויף טישטשע ניינציג כפרות".

די אַלטע ליכטציערן — נו־שוויַיג בעסער — פאַלד אין דערפרי־וואָלסט בעסער געזאָגט אַ ייִדיש וואָרט!

די יונגע ליכטציערן — נו — זינג נישט.

דער אויסגעדינטער ועלנער — האָס־איך זינג־דאָס האָט ער דאָך געזונגען־בערל גאָמבינער.

די אַלטע ליכטציערן — און איך האָב שוין פאַרגעבאַט אַ דאַוונען צו השכמה.

דער אויסגעדינטער ועלנער — די מאַמע איז אַ בְּרִיָה.

די אַלטע ליכטציערן — באַלד צו טעגעניש־וי נאָר מען האָט געשיפּען אין צוקער־פאַבריק — גייט ס׳גייעס צו זייער ארבייט און איך צו מיינינגען; שוין געשיקט ס׳קיטל נאָכן טעע אין באָר — ניגונ׳ם נישט! אויפגעשטאַנען! אַ חרפּה נ׳שאַנד — די קינדער שלאָפן מיר נאָך.

דער אויסגעדינטער ועלנער — נאָך אביסעלע צולייגען.

די יונגע ליכטציערן — זאָל ער — מיד —

די אַלטע ליכטציערן — וועל איך ענק אַריינגעבן צו וואַשן — נאָן נטילת ידים —

(דערלאַנגט זיי ביידע צו וואַשן, דערנאָך רוקט זי צו שטולן — און שטעלט אַרויף טיי)

טיי־אַ גלעזעלע חַמִים אין דערפרי אַ מחיה — ס׳שמעקט די מאַמעס קאַסט?

דער אויסגעדינטער ועלנער — ע־רוסקי טשאַי איז בעסער.

די אַלטע ליכטציערן — נו־שעם זיך־כ׳בין דיר שוין אַזוי אַין מַקיל. אפשר אַ סאַמאָוואַר דיר אַוועקשטעלן אין שבת?

(קורצע פּויזע)

די יונגע ליכטציערן — זע נאָר — אַ שנעע אָנגעפאַלן.

די אַלטע ליכטציערן — אַ שנעע — עס ווייזט זיך אַ פרעסטביע —

דער אויסגעדינטער ועלנער — ווי זעט עפּעס אויס אין דרויסן?

די אַלטע ליכטציערן — הייב דיך בעסער אויף — גיי אַרויס און קוק אַריין — הי — הין; אַ פרעסטביע ווייזט זיך — דער ליסטנאָרטן איינגעפרוירן — און דער באַך — ווי מיט קריעס־שווימען די כוואַליעס.

די יונגע ליכטציערן — כוואַליעס.

די אַלטע ליכטציערן — האָסט געהערט — געהערט — די כוואַליעס שווימען מיט אימה ביים ערשטן פרעסט׳ביע — מיט שנעע שווימען — מיט אימה — רוהיג — עך — דערשפּירט מן הסתם, באַלד ווערן זיי איינגעפרוירן.

די יונגע ליכטציערן — איינגעפרוירן.

די אַלטע ליכטציערן — די רגע — שוין יאָרן, ווי כ׳בין צו מײַן שכל געקומען — קוק איך — הער איך — אַ גאַנצע וואָך פאַריאָגט — נאָר שבת ניי איך אַרויס צום באָך — און הער.

דער אויסגעדינטער ועלנער — וואָס הערסטו?

די אַלטע ליכטציערן — כ׳הער — ווי אַזוי עס צושווימען די כוואַליעס — רוהיג — מיט אימה — איידער זיי ווערן אינגאַנצן איינגע־

פֿרוירן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָס אַ באָך—אין ערעם געהען אַ יָם געזועען ?

די אַלטע ליכטציערן — וואסערן, וואסערן, וואסערן—אַלע וואסערן אינם ים אריין.—

ווילסטו נאָך אַ גלעזיכיע טעע ?

דער אויסגעדינטער זעלנער — פּאָדראָזאי!

די אַלטע ליכטציערן — נו—הער שוין אויף מיט דײַן ליטוויש אין שבת.

די יונגע ליכטציערן — איז טאַקע דער באָך איינגע-פֿרוירן?

די אַלטע ליכטציערן — נאָך נישט — אָבער ס'שיקעוועט זיך. און דאן לויפֿט פֿארבײַ אַ פּרעסטיכיע איבערן אייגענעם לײַב — מען זערט אַלט, קינדערלעך—די ביינער אויסגעטריקנט; קוים, וואָס מען שטייט אויף די פֿיס. ס'ביסל יידישקייט דערהאַלט מיך נאָך ביים לעבן. נו—קינדערלעך—אויפֿגעשטאַנען! אויפֿגעשטאַנען!

(מען קלאַפּט: „אין שול אַריין—שטייט אויף לעבודת הבורא")

די אַלטע ליכטציערן (גייט).

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָסט באַטש גוט באַהאַנדלט די מאַמע?

די יונגע ליכטציערן — קיין ביין וואָרט נישט פֿארגעפֿאַלן — נאר ביים מסחר-ניקען. וואַרפֿט מיטן געלט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — איר פֿארגעניגן פֿארגין עס איר.

די יונגע ליכטציערן — און די בלינדע רייצע-געוואַט אַן עסק מיט אַ מציאה —

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו — צייט — צייט — שבת ־ צו־נאַכט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מען זאָל אויסזוכן די גאַנצע וועלט, וועט מען דאָך אַזאַ מאַמע נישט געפֿינען.

די יונגע ליכטציערן — נו—חיים—נאָך וועמען האָסטו מער גע־בענקט? נאָך מיר אָדער נאָך דער מאַמע?

דער אויסגעדינטער זעלנער — נאַר'כיע, נאָך ביידע—און מער פֿון אַלעם נאָכן יורש. אַמאָלאָדיעץ, הא? פֿאַרוואָס האָסטו אים גע־לאָזט אַהעקפֿאָרן, אין אַזאַ פֿראָסט?

די יונגע ליכטציערן — נו—וועד זאָל זיך רעכטן?

דער אויסגעדינטער זעלנער — כאָטש גוט איינגעהיקלט?

די יונגע ליכטציערן — גוט איינ-גע-הוּקלט!

דער אויסגעדינטער זעלנער — ווי?

די יונגע ליכטציערן — גוט איינגעהיקלט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אין אַביסל שטרוי אונטערגע־לייגט אונטער די פֿיס?—אַזאַ וועג.

די יונגע ליכטציערן — און שטרוי.

דער אויסגעדינטער וועלנער — נו – מען קאָן קאָן זיך פאַרלאָזן אויף דיר!

די יונגע ליכטציערן — פאַרלײַן!!

(גיט אַ זיפץ – באַלד שמייכלט זי).

דער אויסגעדינטער וועלנער — וואָס זיפצטו?

די יונגע ליכטציערן — ווער זאָל זיך רעכטן – ווען ס'איז אַהייםקומען – און די שטוב וועט זײַן ליידיג.

דער אויסגעדינטער וועלנער — זע נאָר – ס'אונטערהייב'כיע האָט זיך דיר אַפּאַרגעשאַרצט.

די יונגע ליכטציערן — פאַרחושט! שוין גלײַך.

דער אויסגעדינטער וועלנער — מען זעט דיר אַפּויר – אַ האָר גרוי.

די יונגע ליכטציערן — גרוי? אין אונזער משפּחה ווערט מען אַרי גרוי. ברונעטע.

דער אויסגעדינטער וועלנער — אָך, זשאַנקא טי — זשאַנקא! ווען נישט דער יורש, וואָלט איך דיך גאָר אַוועקגעוואָרפן – און הפקר אין דער וועלט.

די יונגע ליכטציערן — נו – הער שוין אויף! הויבסט שוין אָן מיט דײַנע ליצנות'כיע?

דער אויסגעדינטער וועלנער — „האָט אַ ייד אַ חייבעניו – האָט אַ...“

די יונגע ליכטציערן — נו, הער שוין אויף מיטן ליד'כיע.

אַלץ די ליטוואַקעס! קלערן אויס אַ ליד'כיע!

דער אויסגעדינטער וועלנער — ס'האָט זיך מיר געחלומ'ט.

די יונגע ליכטציערן — זאָג נישט אויס.

דער אויסגעדינטער וועלנער — מאָדנע – שוין אַ יאָר נישט געחלומ'ט און איצט.

די יונגע ליכטציערן — מן הסתם געווען אַ רָשָע – אַ רָשָע חלומ'ט נישט.

(**די אַלטע ליכטציערן** קומט אַרײַן).

דער אויסגעדינטער וועלנער — אין חלום —

די אַלטע ליכטציערן — באַלד אין דערפרי זאָגט מען נישט אויס. ממה נפשך: איז עס אַ שלעכטער — צו וואָס דערציילן, איז ער אַ גוטער — אַ שאָד צו דערציילן. ווייס דאָך: מען דערציילט אַ גוטן חלום, ווערט ער שוין נישט מקוים.

די יונגע ליכטציערן — אוי – חלומות.

די אַלטע ליכטציערן — נו – אויפגעשטאַנען – קינדער – אויפגעשטאַנען – אַ חרפּה נ'שאַנד.

די יונגע ליכטציערן — גיב אים די שטעקלאַטשן, ז'ליגן אונטערן בעט.

די אַלטע ליכטציערן (בייגט זיך אַראָפּ – זוכט) — נאַ! פאַרשטויבט.

די יונגע ליכטציערן — כי! געוואַרט אויף דיר—פיר יאָר געזאַרט אויף דיר אונטערן בעט. קיינער זיך נישט צוגערירט.

די אַלטע ליכטציערן — זי האַלט דאָך מענשן אויפגעגעסן, הער ס'דירט אָן ס'דייניגע.

די יונגע ליכטציערן — כ'בין א שוינערין, נישט אזוי, ווי די שחי־גער „האם כלאם", ערשט צורעבט געמאַכט די זוילן — און ס'רייסט זיך, ביי מיר—

די אַלטע ליכטציערן — א וואונדער! אז דיינע שיך שטייען אונ־טערן בעט. זיצט אין דער היים.

די יונגע ליכטציערן — אז —

דער אויסגעדינטער זעלנער —נו–נו–ווייבער! ווייבער צוזאמען מוזן זיך קריגן.

די אַלטע ליכטציערן — גיי שוין — מען ווערטלט זיך נאָר א ביס'כיע דורך. קיין ערגערע מחלוקת זאָל אין דער וועלט נישט זיין!

דער אויסגעדינטער זעלנער (באַפעלעריש) — נו–זעלדע–מו דו זיך פריער אָן.

די יונגע ליכטציערן — ס'ביסל שלאָף האָט אַזא טעם.

די אַלטע ליכטציערן — ווייסט נישט–קוטנער קריכער. אפעפע. רין. נו–פאָלג א מאמע–חיים!

דער אויסגעדינטער זעלנער — באַלד.

די אַלטע ליכטציערן — און צו פאָניעס סלוזשבע האָסט זיך אויך אַזוי געאיילט? מיר האָבן דאָך עפעס אויך א סלוזשבע?

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס שוין ווידער?

די אַלטע ליכטציערן — מיר האָבן דאָך עפעס אַן אויבער־שטען — א מלך מלכי המלכים — און דינען מוז מען — א סלוזשבע' קינד'כיע! א סלוזשבע!

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָ! האָ!—אזוי מיינסטו?—נו–פאַרריק דאָס פאָרהענגל.

די אַלטע ליכטציערן — פאָרט נאָך געבליבן א ידישער אָדער־בושה: א טייער קינד!

די אַלטע ליכטציערן (פאררוקט דאָס פאָרהאנגל איבער די בעטן).

(עס קומט אריין דער שבת־גוי אָנגעטון אָפגעריסן, מיט א בערדל — איינגעריסט אין א ז ע ל נ ע ר י ש היטל; רעדט האַלב־ידיש).

די אַלטע ליכטציערן — נו–צוגעאיילט, קינדער! (שרייט אריין) דער שבת־גוי שוין דאָ! וואויטאשעק.

דער אויסגעדינטער זעלנער (שרייט ארויס) — א דזיען דאָברי — האַיטאשקו!

שבת־גוי — אָ – היעם זשע טשארני חיים פשייעכאל! אָ – פאַ־מיענטא.

א, דזיען־דאָברי, חיים. א – יאַק טאם או מאָסקאַלי? זשימנאָ צאָ, זשימנאָ—(אויף ידיש) קאַלט–הא–קאַלט! ניעמא שבת־גוי?–כי, כי!

די אַלטע ליכטציערן — ס'מיינט–די גאנצע וועלט שטייט אויף אים—נו–שוין אָנגעגרייט האָלץ.

שבת־גוי (זוכט אונטער די באַנק) — ווי, שוין ווידער הינג–געקומען–נאָפּט?

א–מלאַדאַ גאָספּאָדינע סקאָמפּאַ –

(נעמט אַ פּאַפּיר מיט אַש אין דערמיט, צינדט אָן אַ זאַפּאַלקע, בלאָזט. ליגט אַרײַן קלײנע, אָפּגעשניצטע העלצלעך, צינדט אָן).

שוין געמאַכט באָרע מאָרע אש („בורא מאורי אש").

ס׳ברענט !

די אַלטע ליכטציערן — (מיט אַ געלעכטערל) נו–ברענען זאָלסטו זי קין !

דער אויסגעדינטער זעלנער (קומט אַרײַן האַלב אָנגעטון. גיט איבּ אַ קלאַפּ אויף דער פּלײצע) — אַ–חאָוויטאַשעק טאָ מאַראָזי!

שבת־גוי (חיל אַרײַנריקן אַ האַנט. נאָר װײזט, זי איז אײַנגעריסט) — נו — אָמאָ ניעשטשעגסיע –

די אַלטע ליכטציערן (שלעפּט שנעל אַװעק דעם שבת־גוי, רוימט אים עפּעס אײַן).

די יונגע ליכטציערן (אָנגעטון אין שלאַפראָקל) — נו–אַדעקגעשטעלט זיך מענה׳ן מיטן ערל–זײ אים משלח.

די אַלטע ליכטציערן — שוויַג–ערל מבין בל׳ אות.

שבת־גוי —מבין–ראָזומעים–מבין׳ דאָוטאַשעק פאַרשטײם אַלץ — נו–אַ כוסה פּיסעכיבקאַ–פּײנאַ עבט!

(קריגט אַ כוסה. טרינקט אויס אײנס)

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו — קריגסט נאָך אײנס! זאָג, בחלקלקות –

שבת־גוי — באַ–קאַ–לאַק–רות.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָזאַ יאָר אויף דיר–נאַ! קריגסט נאָך אײנס ! זאָג–

קעלבערנע לונגע לעבער, קעלבענע לונגע לעבער, קעלבענע ליינג און לעבער, גיך!

שבת־גוי — קעלבערנע ליעבע לענגער — קעלבערנע ליעבע לענגער !

אַלע (לאַכן) — נאַ–אָזאַ יאָר אויף דיר–חלה!

(שבת־גוי קײט און זינגט :

חשיסטקיע זשידקי ראַנאָ חסטאַיאָן.
נעגעלעך חאַסער אָבליוחאַיאָן ;
אוי דאַ דאַנאַ, אוי דאַ דאַנאַ !

נעגעלעך חאַסער אָבליוחאַיאָן,
מה טובו פאָחיאַדאַיאָן,
אוי דאַ דאַנאַ, אוי דאַ דאַנאַ !

מה טובו פּאָחיאַדאַיאָן,
עלינו לשבח חיפּלוחאַיאָן;
אוי דאַ דאַנאַ, אוי דאַ דאַנאַ !

עלינו לשבח היפּלוחאַיאָן,
אין כאלהנו הישפּיעהאַיאָן ;
אוי דאַ דאַנאַ, אוי די דאַנאַ !

(טאַנצט אויס אַ האָפּקע)

אַי–אַנטאָשאַק טאָ גאַנצער יוד !

(טאַנצט ; װיל מיטשלעפּן די יונגע ליכטציערן טאַנצן — זי רײַסט זיך אַרויס)

די יונגע ליכטציערן — ער וועט דאך מיר דעם גאנצן שלאפ־־אק איננריכטן !

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאלאריע וואיטאשעק – עלינו לשבח היפלוואיאן.

(טאנצט מיט אים)

די אלטע ליכטציערן און די יונגע ליכטציערן

(פארברעכן די הענט)

מיטן ערל!

דער אויסגעדינטער זעלנער — ערל—נישט ערל—חסיא ראחנא! פאניע לערנט אוים.

שבת־גוי – או מניע טעוש – זשיד — ניע זשיד — חשיסטקא יעדנא.

די יונגע ליכטציערן – א גדולה מיך געטראפן ! גוט געפלא־דערט !

שבת־גוי — א—פיסעכיבקא פיינא – א יאק ביל טען ברית – טען יאסל!

די אלטע ליכטציערן (פארהאלט אים ס'מויל) — נא—הי א ניגעל ! ס'דירט זיך נישט פון ארט.

שבת־גוי – א יאק בעדזשיע נאחי ברית.

דער אויסגעדינטער זעלנער — בעדזשע ! בעדזשע !

די יונגע ליכטציערן און די אלטע ליכטציערן

(פארזיסלצו זיך)

נא—מאש חלה—און האב א גוט שליטהעגס.

שבת־גוי — מוציא לחם הארץ—א גוטן שבת—א, טים—כי—כי—פעסט! נאחי ברית—כי—כי !

(שבת־גוי אפ)

שבת־גוי (אין א ווילע ארום צוריק) — א טשאפקען זאפאמניא־לעם!

די אלטע ליכטציערן —נו—גוט געפלאדערט ! אשמדאי ! אשמדא זיך אנגעזעצט ! היל דעם שבת צושטערן, שטענדיק מאכט ער אזוי היל נאך א שטיקל חלה !

שבת־גוי (שטיל) — יא ניע פאחיעם—פסח שין־שא! זשע יאסל—נאר פיש—פיש !

די אלטע ליכטציערן —(טראגט אים צו א שטיקל פיש) א ביי יעדן אומגליק איז פאר איינעם א גליק! נא—האב מיר א שליטהעגס !

שבת־גוי – כי—כי—א נייער ברית.—כי—כי פיינא—פעסט! א בענדעמי ביטש מאסקאלוב—א בענדזשעמי ביטש !

די יונגע ליכטציערן — שא—שא – דער סטראזשניק קאן דאן דערהערן !

שבת־גוי — מיר שלאגן סטראזשניקעס — אלע שלאגן! חיים בעדזשע חאינא ?

דער אויסגעדינטער זעלנער — א — בעדזשע ;

שבת־גוי — א — בעדזשע ! חיים — או מניע חשיסטקא יעדנא — זשיד ניע זשיד — אי טא ניעשטשענשע — חיים – בלאפ מיראחי —

א בערושע – א בערושע – א בערושע! טילקא ניע צירעטשקע – בא ברית מא זכר – נאדי זשידעק – כי–כי!

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו — טראג זיך — אייביג, אז אז מען לאזט זיך אריין מיט אן ערל.

(שבת-גוי אפ).

די אלטע ליכטציערן — הי דאס נבל'ים!

די יונגע ליכטציערן — אז מען גיט זיך אפ דערמיט.

די אלטע ליכטציערן — אן ערל – און אז עס מאכט נאך א ניפיע — — -- דער איידעלסטער ביי אונז – עס קומט אין א גוי'שע שטוב, האלט עס זיך אויף שטילער, הי גראז — און זייערער ביי אונז – א גאנצער שררה: אי גלות!

די יונגע ליכטציערן — יא — גלות!

דער אויסגעדינטער זעלנער (אפ אונטערן פארהאנג).

די אלטע ליכטציערן — כ'האב דאך אים קוים איינגעהאלטן – דעם שבת-גוי, אן אשמדאי! אז ס'איז שכור, הי לומ; רעדט פאר פייער און האסער, שיער נישט אויסדערציילט.

די יונגע ליכטציערן — אז זייט'ן אומגליק — לעב איך אין איין שרעק — ציטער פאר דעה הינט!

די אלטע ליכטציערן — נו — שטיל.

דער אויסגעדינטער זעלנער (קומט צוריק אנגעטון) — השיסטקיע זשידקי ראנא הסטאיאן,

נענעלעך האסער אבליוואיאן. אוי דיי דאנא.

האס האט איר זיך געסוד'עט?

די אלטע ליכטציערן — גארנישט – הייבערישע זאכן!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אוי — דא דאנא! אוי דא דאנא!

די אלטע ליכטציערן — נו, א שיינע עדיקאציע האט דיר פאניע געגעבן – שטעלסט זיך אהעק טאנצן מיט אן ערל!

די יונגע ליכטציערן — עס א'ז דאך שיער נישט געהארן א געלויף פאר דעם פענסטער.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מען העט נאך טאנצן, מאמע! ס'עט נאך הערן א געלויף פאר דעם פענס-טער.

די אלטע ליכטציערן — אבער מיט אן ערל-און הער?

דער אויסגעדינטער זעלנער – ערל-נישט ערל-פאניע לערנט אויס! פאניע מאכט פלאטשיק-געלעבט מיט גאיעס – ע, מ'עט א קוק טון אין דרויבן.

דער אויסגעדינטער זעלנער (אפ)

די יונגע ליכטציערן און די אלטע ליכטציערן
(זיפצן)

(שבת-גוי קומט אריין)

א–צא כטשאלעם פאויערזשעטש–א–טאקע ניעשטשענשע א טים–

די יונגע ליכטציערן — א, הינאש שען.

די אלטע ליכטציערן — שהייג! דערצערן אים נישט! א, טוי

דראָגי, אנטאָשעק — קאָבאַני אנטאָשעק — נאַ מאש חלה — און שוויַיג.

(דערלאַנגט אים חלה)

די יונגע ליכטציערן — אויסקרענקען זאָל ער עס — רײַסט ארויס דעם ביסן פון מויל. אשמדאי! וויל נאָר דעם שבת צו־שטערן.

שבת־גוי — א, זעלדע־ניעך ניע חושעשטשי־באַ פאַהיעם

(ליגט צוריק דאָס שטיקל חלה)

מוחל! ניע אָבראַזשיטש! פאָהיעם!

די אַלטע ליכטציערן — שוויַיג! נו—באַליידיגט!—זי לאַכט דאָך נאָר. נו—נאַ פיש!

שבת־גוי — ניע כצען חלה, ניע כצען פיש—האָנאָר! האָנאָר! א פאָהיעם.

די אַלטע ליכטציערן און די יונגע ליכטציערן — האָס טוט מען מיטן ערל?

די יונגע ליכטציערן — אַז ביי זיי איז אַ מצוה אָנצוזאָגן אַ ייד אַ שלעכטע בשורה.

די אַלטע ליכטציערן — נו—צושטער נישט דעם שבת. נאַ—חלה!

שבת־גוי — האָנאָר! א גדיב ניע חיה לאה—טאָבים געזאָגט—דשיסטקאָ געזאָגט—אַז יאָסל באַגראָבן—אַז יאָסל..

(דער שבת־גוי קושט די האַנט די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן)

אַ פשעפּראַשאַב—אַ־טאַקע ניעשטשעַנשע.

(שבת־גוי אָפּ).

דער אויסגעדינטער זעלנער (קומט אריַין, פאַלט שיער נישט איבער דעם פוסבענקעלע)

ווידער דאָס פוסבענקעלע! יעדעס מאָל דאָס פוסבענקעלע — וואָס איז שוין ווידער געווען? ווידער דער ערל?

די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן

גאָרנישט! גאָרנישט!

דער שבת־גוי (שרײַט אריַין אין פענסטער)

ניע פאָהיעם־שאַ! שאַ!

אַ קורצע פויזע; פינסטער; דער טיש ווערט באַדעקט מיט אַ וויַיס טישטעך און אויסגעשטעלט מיט מאַכלים. [געוואונשן, דער טיש זאָל זיַין אַן אויפגעמאָלטער.—באַמערקונג פאַרן דעקאָראַטאָר] פון אַדערבײַאיג פענסטער הערט מען זינגען „אין כאלהינו:" דאָס צימער ווערט פול מיט געזאַנג. אַ פּאָר שטימען: „גוט שבת! גוט שבת!"—אַלץ ווערט העל ליכטיג. אַ מנין יידן זיצן אין שטוב פאַרבעטענע אויף קידוש.

ערשטער ייד — אַי־די פיס האָבן טויזנט טעם.

צווייטער ייד — אַן אייערקיכל — חיה לאה'שינס אַן אייער־קיכל.

דריטער ייד — נו — און אַ שטיק האָניגלעקיך פאַר מײַן קלײַנעם!

פירטער ייד — חיב, אַפשר ציסטו יערן שבת אָשרעמעק?

פיערטער ייד — אַ קידיש-אַ קידוש.

(כאַפּן פון די טעלערס)

די יונגע ליכטציערן — אַ געבאַק ווי בײַ אַ רביין

די אַלטע ליכטציערן — נו-יידן-לאָזט זיך האָוילגיין! לחיים לחיים!

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מען זאָל אויסגעלייזט ווערן.

פינפטער ייד — נו-חיים, לחיים!

פיערטער ייד (מיט אַ ניגון) — שוואַרצער חיים-זאָל שוין טאַקע זיין לחיים!

די יונגע ליכטציערן — צו געזונד און צו לעבן!

ערשטער ייד — נו-חיים-זאָג אַ וואָרט-וואָס שטייסטו ווי אַ לײַמענער?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַז-פשיאַטשעלעס--שיער נישט דעם הפטורה-ניגון פאַרגעסן בײַם אויסרופן.

די יונגע ליכטציערן — די ווייבלעך האָבן מיך אויפגעגעסן פאַר קנאה... אַ ייד פאַרגעסט נישט די הפטורה.

צווייטער ייד (אַ קצת גערופן ס'רביילע) —

אַ-גרסא דינקותא!

די אַלטע ליכטציערן-נו-עסט יידן-עסט-לאָזט זיך וואוילגיין!

(די יידן זעצן זיך אויס, שמועסן:)

ערשטער ייד — איז ווי איז דאָרט אין ראַסיי? - די יאַלעהקעס, איך אַזאַ יקרות?

דער ; ויסגעדינטער זעלנער — ביליג - באָטש פלאַסטער מיט יאַלעהקעס.

צ;ייטער ייד - הערטס אַ שענס-דער שררה גראַבסקי.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ - דער שררה! לעבט נאָך?

צווייטער ייד — ס'הייסט-לעבט—ער ציט דעם אָטעם. שבור'ט! איך בין דאָרט אַ גאַנצער איינגייער, איר הערט! איז אים איינגעפאַלן האָט ער זיך געמאַכט אַ סטיינע פון הינט.

יידן — (לאַכן) אַן איינפאַל! הינט.

צווייטער ייד — לאָך איך — הינט — ראַסאָווע ענגלישע הינט — ס'גייעס! ער איז דאָך אום-שטאַנד אַ שאָפּן-פעלץ אָוועקצוגעבן פאַר אַזאַ הינט.

יידן — ס'גייעס,

צווייטער ייד — לאַכן — מילא, ס'לויפט אַרום אַ קודלע אויפן פאָדוואָרש, האָט מען באָטש דערפון אַ פאָזשיטעק, ס'כאַפט מייז-אָבער אַן ענגלישער ראַסאָווער הינט-וואָס האָט מען דערפון?

יידן - געדעכט!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַז ס'איז זיין הנאה-אַן אונטערשיד!

דריטער ייד — הנאה צו הנאה איז אַ נפֿקא מינה: אברהמ׳טשע ?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָ, וואָס מאַכט ער? אברהמ׳טשע—אַ חידוש נישט אַרייַנגעקומען—וואָס מאַכט ער ?

דריטער ייד — וואַיעזעס! הידער געלאָפֿן צו פּעסען, די אַלמנה, און זיך געשדכנ׳ט צו איר; און דערוויַיל צוגעגנב׳עט די לעבער. — קומט צו לויפֿן די אַלמנה, פּעסע, צום רב און פֿרעגט אַ שאלה — אַזוי און אַזוי: אַ קעלבל אָן אַ לעבער. אַ—דער רב פּסקנ׳ט נישט צו טריף!..

דער אויסגעדינטער זעלנער (לאַכט הויך).

דריטער ייד — שפּילט זיך מיט אברהמ׳טשע—אַ—אַנימעלט פֿאַרשטעלט ער זיך נישט פֿאַר אַ נקבה, הילט זיך איַין אין אַ פֿאַטשייל, שטעלט זיך נישט אַוועק אין רוג. און פֿאַרטשעפּעט—אַ וועמען מיינסטו? אים—דעם רבינ׳ס זון—אַי—ער פֿירט אים נישט אַריַין ביז צום בית־המדרש און מען איז אים מסלק.

(יידן לאַכן)

די אַלטע ליכטציערן (מיט אַ געלעכטערל) —אַי—עס מאַטלט דאָך שוין באַלד ערגער, ווי אַ יידענע. זאָגט עפּעס אַ יידיש וואָרט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אי — אַ שאָד כ׳בין נישט געוועזן דערביַי—

יידן-וואו?

דער אויסגעדינטער זעלנער — ווי מען האָט געציַמבעלט —

איך האָלט אים אַרייַנגעפּיטשקעט אַ פּאָר אויף זעלנעריש — אַ מצוה אויף אים! קריך נישט צו קיין יונג-קריך צו אַ מויד.

די יונגע ליכטציערן (פֿאַררויטלט זיך) — נו—הויבסטו שוין מיט דיַינע ליצנות׳ביע!

דער אויסגעדינטער זעלנער — ע — מאַ ניע לאַך, ווי זאָגט פֿאָניע:

דיחקה ח ליעס, יאַ זאַ נים.!

די אַלטע ליכטציערן — שיַין זמירות זאָגסטו מיר ביַי דעם טיש—אי, ווען האָרפּסטו שוין אַראָב דעם זעלנער?

ערשטער ייד — נו — אַז דער צער פֿון טראָגן איז שוין יאָ אַזוי גרויס—למה וואָס זה דאָס אנוכי איך —

צווייטער ייד — אַ למדן! נו—לחיים !

דריטער ייד (מיטן ניגון) — שוואַרצער חיים—לחיים!

דער אויסגעדינטער זעלנער — יאָ, וואָס וויל איך דאָס זאָגן—וואָס מאַכט עפּעס דער רבי ?

דריטער ייד — וויַיבער און קצבים האַלטן פֿון אים—און עולם ומלואה, וויַיזט מופֿתים.

דער אויסגעדינטער זעלנער — טאַקע ?

דריטער ייד — וויַיזט מופֿתים ווי צו צונעמען פּדיונ׳ס און קוויטלעך-הע —

די אַלטע ליכטציע- — נו — שאַט ! איך האַלט אַפֿילו

אויך נישט פֿון אים — אָבער אויף אַ גוטן ייד טאָר מען נישט ריידן.

(דערלאַנגט)

פֿאַרזוכט! פֿאַרזוכט! און זאגט עפּעס אַ יידיש וואָרט.

ערשטער ייד — אַ תּורה פֿון קאָצקער-עס שרפּט-

יידן — נו-נו-אַי-

ערשטער ייד — אַ טייטש: לא יהיה לך אל זר — איז ווי דער טייטש-חיים, געדענקסט נאָך?

דער אויסגעדינטער זעלנער (מיינט מען וויל אים פֿאַרהערן)— נו-ווער ווייסט עס נישט.

יידן — נו — זאָג-השמיענו קולך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — לא יהיה לך אל זר — זאָלסט נישט האָבן קיין פֿרעמדן גאָט.

ערשטער ייד — ע-ביזט דאָך גאָר-לא יהיה לך אל זר — זאָל דיר גאָט נישט פֿרעמד זיין!

דריטער ייד — וואָס, אַ פּשטל —

ערשטער ייד — נאַ! (דערלאַנגט אים אַ פּראַסק) אויף קאָצק זאָלסטו מיר נישט רעדן! פֿאַר קאָצק גיב איך פּעטש.

די יונגע ליכטציערן — ווי מיר — עפּעס גאָר, ווי ביי ערלים.

ערשטער ייד — פֿאַר קאָצק.

(מען קלאַפּט אין טיר)

’עס קומט אַריין אַן אורח — אַן אָרץ-ישראל-ייד.)

(אַלע ריקן אים שלום. דער ארץ-ישראל-ייד שטאַמלט אַ פּאָר ווערטער אויף הברה הספרדית).

די אַלטע ליכטציערן — און אַז דער אויבערשטער האָט מיר שוין יאָ באַגליקט, ביזט איבערגעטרעטן מיין שוועל —

(דערלאַנגט אים קדוש).

יידן — פֿון מרחקים — אַן אורח.

אורח — אורח — מרחקים – ארץ!

ערשטער ייד — אַ – געדאַווענט אין שול?

אורח — מה?

ערשטער ייד — תּפֿלה – בית תּפֿלה!

אורח — כּן – כּן!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַן אורח – גיב אים טועם צו זיין.

די יונגע ליכטציערן — ווי לאַנג איז, אַז דו, חיים קרוין, ביזט נעבעך אַן אורח ביי פֿרעמדע טישן?

ערשטער ייד — איך, מה? ארץ ישראל?

אורח (עסט) — טוב... קשה... תגר...

צווייטער ייד — מה, מה?

די אַלטע ליכטציערן — זעט — לאָזט אים אָפּדערבעהן אַ ביסל — רינגלען אים ארום, ציטן פּאַסן! דגים. דגים.

(יידן קוקן שווייגנדיג אויפן אָרץ-ישראל-ייד).

דריטער ייד (רוקט זיך ארויס) — באַטש אַ טאָפּ טון ס׳טאָרבעלע... שוין דאַ אַ פּאָדיעסטקע... מען קלויבט זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו — גייט שוין!

דריטער ייד — ע, חיים (גיט אַ הויב ארויס די באָרד, ווייזט) זעסט — שימל. איך שימל.

פירטער ייד — האָלט מען כאָטש געהען בטוח... טאָמער יאָ — — — מ׳עט שמייסן! האַ —

די אַלטע ליכטציערן — וואָס איז דאָס, כ׳זאָל נישט זינדיגן מיט די רייד — עצבות! זאָגט עפּעס אַ יידיש וואָרט — זיין טועם — מעדנים.

(פּויזע — מען ברומט אַ ניגון).

ערשטער ייד — וואוילע פּיס! וואוילע פּיס!

צווייטער ייד — די אייערקיכלעך צוגייען אין מויל.

די אַלטע ליכטציערן — נאָר די אכילה.

די יונגע ליכטציערן — מיין מלאָכה — די אייערקיכלעך — ס׳מעל שיינט נאָר אזוי אראָפּ.

די אַלטע ליכטציערן — נו — נאָר׳כיע — ס׳מעל שיינט — דער שבת שיינט. פאַראַן אַזאַ קרייטעכץ, שיינט עס אראָפּ פון אַלע מאכלים.

די יונגע ליכטציערן — איך ווייס. נאָר...

די אַלטע ליכטציערן — שהכּל — גילדענע גוטע — אַן עדה יידן „בּיינע האָרע" (אָן עין הרע) אין שטוב—און אַן אָנגעלייגטער אורח איז געקומען פון ווייט אונטער דער בעלקע פון אונזער הויז.. אַזכּיר... יידן אין שטוב-די שכינה אין דערמיט.. זיין טועם יידן, לענט אונ־טער אייער הארץ—און מיט וואָס וועל איך דיר אָפּדאנקען, גאָט פאַר דיינע חסדים!

יידן (ווילן ארומרינגלען דעם ארץ-ישראל-ייד).

די אַלטע ליכטציערן — נו-לאָזט אים טועם זיין!

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו, וואָס הערט מען גוטס?

ערשטער ייד — אַן איינפאַל — יענער קומט פון מרחקים, און בײַ אונז פרעגט ער —

דער אויסגעדינטער זעלנער — פּאָרט.

ערשטער ייד — משה גאָמבינער הערט אַן אַ דיר;

דער אויסגעדינטער זעלנער — או האַ

ערשטער ייד — אַן אדיר! און יונגען האָט דאָס, ווי די בערן; איינס האַקט בײַ אים, שלומ׳כיע סראַקע, וועט די וועלט מיט אים אויך זיין —

דער אויסגעדינטער זעלנער — או האַ!

ערשטער ייד — נו-און ס׳נייע הערטל פון יהושע׳לע קומ־ענדי האָסטו געהערט?

ערשטער ייד — אַ גאון! אַ קלייניגקייט ר׳ יהושע׳לע.

דריטער ייד — אַ, מיינסט אודאי אקעגן... ר׳ יהושע׳לע זאָגט: אַ זעלנער, אַז ער דינט אויס, קומט ער דאָך אויך אַהיים!

ער זאָגט עס אקייגן טויט —

די יונגע ליבּטציערן — טויט!

ערשטער ייד (וויל עפּעס זאָגן).

די אַלטע ליבּטציערן (לויפט צו אים צו, פאַרהאַלט אים ס׳מויל, רוימט אים עפּעס איין אין אויער)

(די יידן שושקען זיך, שאָקלען מיט די קעפּ)

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַזוי זאָגט ער, ר׳ יהושע׳לע — אַהיים, אַהיים, איז דער טייטש...

ערשטער ייד — מ, היים, אקדמות, איידער האָט חען, דער-ציילט פון מרחקים. אויסגעזען אַ וועלט!

דער אויסגעדינטער זעלנער — דער קאָפּ שטייט מיר נישט דער-נאָך.

ערשטער ייד — נו — וואָס וויל אַ ייד היינט — וואָס יידן מאַכן?! ווי עס דערגייט זיי אין דער וועלט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — ווי אין ראַסיי... מען שלאָגט מען רצח׳ט...

יידן — או — וואַ — אַ רשעות!

צווייטער ייד — נו?

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס נו?

ערשטער ייד — ס׳עט שוין גאָר קיין סוף נישט נעמען? ער פּתי?

דער אויסגעדינטער זעלנער — מען ריכט זיך... דער טערק רירט זיך... מלחמת גוג מגוג —

יידן — חבלי לדה.

דער אויסגעדינטער זעלנער — ראַסיי איז אויף! יידישע סטודענטן האָבן פאַרלאָזן די אוניווערזיטעטן און געגאַנגען אקערן די ערד... איינגעשטאַנען אין אדעס אין אַ הויז — איז אָנגעקומען אַ בריוול... דער זון פיבערט און אַרבייט זונזער ערד — און די מאַמע קוועלט...

אַ ייד — טאַקע! סטודענטן!

דער אויסגעדינטער זעלנער — „בית יעקב לכו ונלכה.“

אַ ייד — ימות המשיח — אתחלתא דגאולה...

די יונגע ליכטציערן — הלואי זאָל מען שוין טאַקע אויס-געלייזט ווערן פון גוי׳אישע הענט.

אַ ייד — אַמאָל, ווער האָט זיך פאַרגינען צו מאָרן? אַמאַנטעפּ׳אַ-דע! אָדער אַן אביון... געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט... היינט — סטו-דענטן! ׳

אַ ייד — נו — און ס׳יידישקייט? היטן זיי באמת... אָדער ער?

דער אויסגעדינטער זעלנער — ווער, דו הויסטט? קיינס, אַז

זארענקע אויפֿן מארק? דו הוסטט? יענע בעאַרבײַטן זיארענקעס, האַ=
דעהען זיארענקעס... געהען ביים פֿאָרט אין אַרעט – האָב איך גע=
זען.

אַ ייד — האָס האָסטו געזען?

הער אויסגעדינטער זעלנער — גאָרנישט —

אַ ייד —מורא אַ האָרט צו רעדן!

דער אויסגעדינטער זעלנער — זיך דערמאָנט אַ מעשה פֿון
אלטן ניקאָלאַי... בײַ די זעלנער דערציילט מען'ס... דער אַלטער ני=
קאָלאַי פֿלעגט זאָגן: אַ שטרוי, אז זי פֿאַלט, דאַרף מען אויפֿהויבן
– אַזאַ פּריקאַז געהען פֿון אַלטן ניקאָלאַי — טאַק אַי גאָבאָריט! אַ
שטרוי אַז זי פֿאַלט, דאַרף מען אויפֿהויבן – אַ שטרוי קאָסט געלד;
אַ מענש, אז ער פֿאַלט, זאָל ער ליגן! ער קאָסט קיין געלד נישט.

אַ ייד — אַזאַ הינד'ס נאמנה...

די יונגע ליכטציערן — שהייג – דער סטראַזשניק קאָן נאָך דער=
הערן! אַ מלך!

אַ ייד – ער לעבט שוין סײַ ווי נישט...

צווייטער ייד — איז האָס האָסטו אַזוינס דערזעען אין אַרעט?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ געלעבטער... מען האָט גע־
פֿירט אַ קאַטאָרזשניק.

די אַלטע ליכטציערן – אַ שיין געלעבטער!

דער אויסגעדינטער זעלנער — הער—האָט מען געפֿירט אַ

אַטאָרזשניק... אַ בראָנדן פֿאָניע–מיט אַזאַ נעזל (חייזט אַ נעזל) געקאָ=
העט אין קייטן – אַ–ער נעמט נישט, און צולאָזט זיך אין
די קייטן אין אַקאָזאַטשאָק... אַט אַזוי... און די קייטן האָבן
אַזוי געבורזשענטשעט...

אַ ייד – פֿאָניע!

צווייטער ייד – שפּילט זיך מיט פֿאָניע!

דריטער ייד — פֿאָניע קהאָס!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַט אַזוי–געקאָהעט אין קייטן,
און האַליאַי אַקאָזאַטשאָק!

אַ ייד — מען זאָגט — שייך מען זאָגט – די העלט זאָגט אַ
הערטל, אַז דאָס מין פֿאָניע וועט נאָך די העלט איבער=
דרייען!

די יונגע ליכטציערן — ווער זאָגט?

אַ ייד – די העלט זאָגט.

דריטער ייד — נו — וועט באַטש אַרויסקומען ישועות פֿאַר
יידן?

אַ ייד — ווער ווייס? ביז דאַמאָלס וועט מען זיך נאָך דרייצן מאָל
איבערדרייען אויפֿן פּיעקעלעק... נו – האָס קאָן שוין גוטסזײַן פֿון אַן
עולם הפוך–פֿאַרדרייט.

די יונגע ליכטציערן — אַט אַזוי הי אין אַמעריקאַ... אַז בײַ
אונז איז טאָג, איז דאָרט נאַכט... אַז מען זאָל אַזוי אויסבויערן אַ
אַ לאָך און אַראָפּקוקן אין דער ערד, וואָלט מען געזעען הי מען גייט

אין אמעריקא מיטן קאפ אראפ.

א ייד (מיט שטאלץ) — פון אונזער משפחה איז קיין איינער נישטא אין אמעריקא! נישט דערלעבט צו אזא חרפה!

צווייטער ייד — נו — גיי שוין — ס'קאן אמאל קומען א צייט, אז אמעריקא זאל ווערן א חשוב... די וועלט איז א רעדל — א גלגל החוזר.

א ייד — כ'שטעל מיר שוין פאר, א שיין פנים וועט די וועלט האבן. הע-הע.

דריטער ייד — איז וואס זאגסטו, חיים, פאניע האט א געלענק?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אזא יאר אויף אים!

א ייד — נו-און אונזערע-די יודן מיין איך?

דער אויסגעדינטער זעלנער — די ליטוואקעס, די רוסן מיין איך-ביי די ליטוואקעס זענען די יונגען מאלאדצי ראביאטא! א פייער נעמט זיי נישט-די יונגען-מאלאדצי-נאר די מיידלעך זייערע-

די יונגע ליכטציערן — וואס? האסטו געקוקט ווי די כהנים דוכ'נען?

דער אויסגעדינטער זעלנער — ביזט שוין פעפערזיבקיג. ביי די ליטוואקעס זענען די יונגען מאלאדצי. נאר די מיידלעך זענען אביסל נ'אדאס...

א ייד — און ביי די גאליציאנער זאגט מען, זענען די מיידלעך שיין, נאר די יינגלעך נישט אזוי... ס'פעלט זיי

דריטער ייד — נו-זאלן זיי זיך משדך זיין... די ליטוואקעס מיט די גאליציאנער, וועט זיין א פאר.

יידן (לאכן) — שדכ'נט שוין!

די אלטע ליכטציערן — אי-יידן-און איך קוק דערווייל אויף די מלבושים פון אונזער אורח — פון ארץ־ישראל־ייד... פון מדינה גייער.

אי-יידן!

א ייד — וואס?

די אלטע ליכטציערן — ס'זיצן יידן און שמועסן דברים בטלים... מבח פאניע און אמעריקא און ליטוואקעס און גאליציאנער... א גאנצע וועלט אויפן קאפ, און ע ר ה ם (ווייזט אויפן אורח) און אים פארגעסט מען גאר! אין א ווינקל נעבעך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — די מאמע מוסרט שוין?

די אלטע ליכטציערן — נאר ווער דען זאל מוסר'ן, א נישט א מאמע? די מ א מ ע ר ח ל וועט איינזאמלען אונזערע קינדער.

אורח — וקבץ נדחנו-בן-בן-שמעתי-גליציע-אמעריקא-רוסיה — יהודים-וקבץ נדחנו לארצנו.

א ייד — כ'ארא לשון?

צווייטער ייד — ספרדית... פארצייטיש.

אורח — כותל מערבי... מתפלל... קבר רחל... שבתא טבא יהודים,-שבתא טבא!

דער אורח (האַלט זיך אויף אַ ווײַלע פאַר דער טיר, ווי'ל אַ קוש טון ד'י מזוזה, און באַמערקט די פ ל ע ד ע ר מ ו י ז)

(דער אורח טײַטלט מיטן פינגער לאַנג אויף דער פ ל ע ד ע ר מ ו י ז)

די אַלטע ליכטציערן און די יונגע ליכטציערן
(פאַלן צו ביידע, דערשראָקענע אין די אָרעמס).

דער אורח (שווייגט בסדר, טײַטלענדיג מיטן פינגער אַהין)

דער אויסגעדינטער זעלנער — רעדט אַ וואָרט. רעדט.

(דער אורח שווײַגט).

ערשטער ייד — ער ווײַזט, די מזוזה פסול.

די אַלטע ליכטציערן — ווי מיר!

(דער אורח שאָקלט דעם קאָפּ אויף נ ײ ן).

צ'ווייטער ייד — נישט גוט באַהאַנדלט אים. דער כבוד?

(דער אורח שאָקלט דעם קאָפּ אויף נ ײ ן).

דער אַלטער ייד — הא? וואָס איז דאָ אויף דער טיר? הא?

יידן — אַ פ ל ע ד ע ר מ ו י ז.

ערשטער ייד — (רופט אויס, הויך, פּלוצלונג): עבודה־זרה!

די יונגע ליכטציערן — גליק!

(דער אורח אָפּ)

דער אויסגעדינטער זעלנער — כ'על אים געבן ס'בעליײַט. מפּיס זײַן.

יידן — אַ גוטן שבת... אַ גוט יאָר... זאָסט אויסבעטן נחמות פאַר יידן... שבתא טבא.

(די יידן און דער אויסגעדינטער זעלנער
ווילן אַוועקגיין)

די אַלטע ליכטציערן — נאָר זוים דיך נישט־יידן, נעמסט מיר נישט צו מײַן קידוש־מאַכער.

(יידן און דער אויסגעדינטער זעלנער אַפּ)
(פּויזע)

די יונגע ליכטציערן — די מיר רוט נישט קיין רגע.

די אַלטע ליכטציערן — אַ קידוש, ווי צו בעשיטענס,—די שול איז דאָך אויף געווען: ווי אַנומלט. ווען איך האָב דיך אַהערגע־ברענגט פאַר אַ שניר; נאַ, כ'על דיר אויסווישן די אייגעלעך...קנאה.. כ'האָב דאָך מורא פאַר אַן עין הרע!..

די יונגע ליכטציערן — שוויגער, טאַקע הײַנט — עס יערט זיך; פינף יאָר, ווי כ'בין אַהערגעקומען — פרשת וישב.

די אַלטע ליכטציערן — מען האָט זיך געשפּיגלט אין דיר קיין שפּרענקעלע נישט אַרויפגעפאַלן, קיין מילב זיך נישט צוגע־קלעבט—און אַז ביזט געקומען אין שול אַרײַן, מיט דער סאַמעטענער ראַמאַנדע און די שפּיצן: וואָס פאַר אַ שפּיצן געווען?

די יונגע ליכטציערן — אַז עס גייט מיר אָסור נישט אײַן... אַ

הייסע קאָקאַרדע פֿון זייד; —

די אַלטע ליכטציערן — ווי לאַנג איז עס גאָר? יאָרן... יאָרן... איידער מען קוקט זיך אַרום — און אַראָב אַ יערי׳ל — און פּאָ חופּיע! טויזענט חן האָסטו דאָך געהאַט... די גאַנצע שול — די אויגן אויפגעריסן! האָס פאַר אַ כּניר די ליכטציערן האָט זיך איינגעהאַנדלט! נישט געבראַכט ערשט אויסרעכענען דעם יחוס — דאָס פּנים איז אַ מסיד־ס׳שיינט.

די יונגע ליכטציערן — פעטער אברהם געהאַלטן אין איין מענהן: ס׳איז נישט ענקערסגאַל. ס׳איז דזשיהנע.

די אַלטע ליכטציערן — זיך אַליין געהאַלט משדך זיין.

די יונגע ליכטציערן — און אונז האָבן מיר אָפּגעלאָזט דעם סדוך... וועד חיים, צוליב דעם מאָג יאָסעלע יינגערהיים פֿון דער העלט אַוועק.

(זיפצט).

די אַלטע ליכטציערן — וועגן וואָס מען זאָל נישט ריידן, אַלץ אויפֿן טויט.

די יונגע ליכטציערן — אויפֿן לעבן, ס׳לעבן מיינס.

די אַלטע ליכטציערן — געדענק אָן גאָט; און פֿאַרשטער מיר נישט, — אַז די עדה יידן האָט געגומען רעדן פֿון — איז מיר די נשמה אויסגעגאַנגען: איינגערוימט דעם סנדק — ער זאָל שתּיגן.

די אַלטע ליכטציערן — און אין אָהענט העל איך פֿון שטיב אַרויס.

די אַלטע ליכטציערן — און איך וועל מיך באַהאַלטן.

די יונגע ליכטציערן — אזא צער!

די אַלטע ליכטציערן — נו — חיים גייט — זע הַשָּׁמֵר הַזָּהֵר — דעם שבת צושטער נישט. כ׳זאָג דיר אָן. אַ שטיק׳כיע היין וועל איך אַריינטראָגן צו חנה, די געוויינערן, אַ שטיק׳כיע עוף.

(די אַלטע ליכטציערן אָפּ).

(עס קומט אַריין דער אויסגעדינטער זעלנער)

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו, איצט, חייבעניו, אַליין.

די יונגע ליכטציערן — אַליין.

דער אויסגעדינטער זעלנער — כ׳קוק דאָך אויס די רגע — מע זאָל בלייבן אויג אויף אויג.

די יונגע ליכטציערן — די טיר רוט נישט קיין רגע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו —

די יונגע ליכטציערן — אזויפיל יאָר.

דער אויסגעדינטער זעלנער — באַשערט.

די יונגע ליכטציערן — ס׳מזל.

דער אויסגעדינטער זעלנער — לאָמיך דיך אָנקוקן?

די יונגע ליכטציערן — נו — הייבסט שוין אָן מיט די הלצה׳ביע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — דער מוחל נעמט מיך — פּונקט

רעם ערשטן שבת, מוז יאָסל אָזעקפֿאָרן.

די יונגע ליכטציערן — טײַהל—רעד נישט אַזעלכע רייד.

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָסט נאָך אַלץ מורא פֿאַר מאַזלאָגים—או—הו או—הו באַבולע בער! באַבילע בער!

די יונגע ליכטציערן — פונקט, ווי דיין זון, מען קאָן רעכט זאָגן—דער טאַטע גראָט ארײַן אין זון. אויך אַזוי געשריגן או—הו או—הו- באַבעלע בער!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַלע ש ו אַ ר צ ע האָבן עס ליב-

די יונגע ליכטציערן — דו טײַהל מײַנער!

דער אויסגעדינטער זעלנער — און דו—טײַבל מײַנס.

די יונגע ליכטציערן - זיך אָזעקגעשטעלט-או—הו או—הו.

דער אויסגעדינטער זעלנער (נעמט אירע הענט)—און דאָן האָט ער אודאי גענומען די הענטיכיע און אַזוי געטון:

„פּאַטשע, פּאַטשע, קיכעלעך!
קינד-לעב קויפֿן שיכעלעך"

די יונגע ליכטציערן - און איך האָב אים געזונגען:

„טאַנק, טאַנק, טאַנק—
עס שאָקלט זיך דער קראַנק,
עס שאָקלט זיך דער מאָרגנשטערן,
יאָסעלע וועט אַ חתן ווערן."

דער אויסגעדינטער זעלנער —

„טאַנק, טאַנק, טאַנק —
עס שאָקלט זיך דער קראַנק
עס שאָקלט זיך דער מאָרגנשטערן,
לאָמיר געהאָלפֿן ווערן."

דער אויסגעדינטער זעלנער—נו-און וואָס נאָך?

די יונגע ליכטציערן — וואָס נאָך?

דער אויסגעדינטער זעלנער—דאָס לידיכיע... פּיטשי-פּיטשי-פּיטשי —

די יונגע ליכטציערן — נאַריכיע!

דער אויסגעדינטער זעלנער (שפּילט זיך מיט אירע הענט) — נו-איינס,—צוויי—אַבבראָש גנב!

די יונגע ליכטציערן — זע נאָר—די האַנט פּלאַטט מיר!

דער אויסגעדינטער זעלנער — באַליע! „(ס'טוט וויי)"

די יונגע ליכטציערן — באַליע!

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו-וועל איך אַ קוש געבן אין הענטיכיע, וועט עס פֿאַרגיין.

די יונגע ליכטציערן - אַזוי ווי יאָסעלע-אַ טאַטע זאָל אַרײַנגראָטן אין אַ קינד.

דער ; ויסגעדינטער זעלנער — אַ קינד... מיר זעמיר קינדער. ווי אַזוי האָסטו אײַנגעוויגט ס'קינד?

די יונגע ליכטציערן — האָס דיר פּאַלט איין!

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו—איך היל!

די יונגע ליכטציערן—שפּאַרסט זיך שוין איין, הוועסט באַלד טוּ־פען מיט די פּיס׳כיע?

דער אויסגעדינטער זעלנער — הוועל איך טופּען. נאַ, אַט אַזוי.

די יונגע ליכטציערן — אַזוי — לייג ס׳קעפּ׳כיע אויף דער שויס.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַזוי.

די יונגע ליכטציערן — נו—רוהיג!

דער אויסגעדינטער זעלנער —רוהיג.

די יונגע ליכטציערן — אַט אַזוי—הועל איך דיך הויגן! קינד־כיע מיינס! אַזוי—אַזוי—„טאַנק, טאַנק, טאַנץ" —

דער אויסגעדינטער זעלנער — הוי אַלעס אַנטלויפּט.

די יונגע ליכטציערן — האָס?

דער אויסגעדינטער זעלנער — הוי אויף דער באַן — ס׳אַנט־לויפּט—פּאַניע, סלוזשבע—דער ים—דער ים אַנטלויפּט און—

די יונגע ליכטציערן — האָס בלייבט?

דער אויסגעדינטער זעלנער — די קינדהייט... איך בין אַ קינד—אַ יאָר, צוויי יאָר; כ׳עפן ערשט די אייגעלעך. כ׳הויב אָן אויפ־

סניי—אַ ניי לעבן, ע—קינדער־יאָרן!

די יונגע ליכטציערן — נו—רוהיג—רוהיג—יאָסעלע!

דער אויסגעדינטער זעלנער (שפּרינגט אויף) — חיים, חיים הייס איך, חיים!

די יונגע ליכטציערן — הוערסט אייפּערזיכטיק?

דער אויסגעדינטער זעלנער—ניין, נישט היים,—רוף מיך חיימ׳־כיע שגץ!

אַט אַזוי הוי די מאַמע האָט מיך גערופן—חיימ׳כיע שגץ.

די יונגע ליכטציערן — באַלד קומט זי—די מאַמע—זאָל זי דיך רופן!

דער אויסגעדינטער זעלנער — יעדער מאַן, —

די יונגע ליכטציערן — האָס, יעדער מאַן?

דער אויסגעדינטער זעלנער — יעדער מאַן היל, אַז זיין הייב זאָל אים רופן אַזוי, הוי די מאַמע.

די יונגע ליכטציערן — און יעדעס הייב גיט דעם מאַן אַ נייעם נאָמען. הוי אין חומש, הייסט שוין נישט מער אברם נאָר אברהם!

דער אויסגעדינטער זעלנער — ס׳לעבן

די יונגע ליכטציערן — האָס, ס׳לעבן?

דער אויסגעדינטער זעלנער —איך קלער! עס איז אַזוי מאָד־נע דאָס לעבן.

די יונגע ליכטציערן — זער קאָן דערפֿאָרשן און דערגיין... פֿאַרבאָרגן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס טוט יעצט יאָסעלע?

די יונגע ליכטציערן — יעצט... יעצט איז ער אַרומגערינגלט מיט צדיקים, מיט לומדים—און מען לערנט תורה — און מען זינגט זמירות—און פֿון יעדן זֶמֶר ווערט אַ גוטער מלאך—ווערן אַ סך מלאכים —און יעדער גיט אָפּ אַ שֶבַח והודָיה צום אויבערשטן. יאָסעלע איז אַ מלאָכ'ל.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס הייסט אַ מַלאָכ'ל? וואָס ציינסטו דערמיט?

די יונגע ליכטציערן —גאָרנישט, יעדעס קינד איז אַ מַלאָכ'ל,

דער אויסגעדינטער זעלנער — און אַז כ'בין אַהערגעפֿאָרן האָב איך כסדר געהערט פֿון יאָסעלען—אַמאָל אַדיעק ס'איז.

די יונגע ליכטציערן — הייבסט שוין ווידער אָן מיטן ל י ט-ד י ש.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָך, מאָלאָדיעץ!

די יונגע ליכטציערן — אַז כ'קאָן עס נישט ליידן... מען זאָגט די ליטוואַקעס זענען פֿול-ושידקעס.-חיים—הא חיים?

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס?

די יונגע ליכטציערן — כ'על דיך עפּעס פֿרעגן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — פֿרעג!

די יונגע ליכטציערן — געהוליעט, הא, געהוליעט? און די

טעאַטערן?

דער אויסגעדינטער זעלנער — געזען.

די יונגע ליכטציערן — און וואָס זעט מען דאָרט?

דער אויסגעדינטער זעלנער — מען זעט—מען זעט רוישנס זאַכן.

די יונגע ליכטציערן—צי די בראָדער קומט עס נישט; אַז זיי האָבן אָפּגעזונגען אַ לידל'כיע, האָט עס געקומען; געהערט העד-טער.

דער אויסגעדינטער זעלנער — יאָ, די בראָדער.

די יונגע ליכטציערן — היינט זעט מען'ס גאָרנישט, חיים, דערציי'ל עפּעס.

דער אויסגעדינטער זעלנער—ערעס איז אַ גרויסע שפּאָרט,— אָט (ווייזט מיט דער האַנט) אַזעלכע אַרבוזן וואַקסן דאָרט.

די יונגע ליכטציערן — נאַר'כיע-מאַנסדאַלבן —

דער אויסגעדינטער זעלנער — מיין פּיצעלע, מיין בראָקעלע, מיין שמאָנדרעכונעכיע.

די יונגע ליכטציערן—נו-חיים, כ'על דיך עפּעס פֿרעגן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — פֿרעג.

די יונגע ליכטציערן — מען זאָגט—איך האָב זינט איך לעב קיין ליטוואַק נישט געזעען — מען זאָגט—זיי טראָגן אַ צלם אונטער-האַרץ-איז עס אמת?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ צלם — כאַ! וואָס נאָך

װעסט׳ אויסטראַכטן ? װענען בעסערע ייִדן פֿון אונז.

די יונגע ליכטציערן — ע׳,— דאָס געפֿעלט מיר שוין ניט ; אַז אונזערס־מאָל געפֿעלט אַ ליטװאַק, איז אַ שלעכטער סימן. גלויב מיר— אַ ליטװאַטשקע האָט דיר אַ דאַי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ.

דער ; ויסגעדינטער װעלנער —לאַנג װאַרט זי... מורא געהאַט. הא ? ׳

די יונגע ליכטציערן — גיי שוין— אַ האַרץ איז אַ נביא.

דער אויסגעדינטער װעלנער — איז זינג נאָכאַמאָל: „טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ״—

די יונגע ליכטציערן — טאַנץ, טאַנץ !

דער אויסגעדינטער װעלנער — יעצט טויג עס ניט, — פֿרייער האָט אַלעס געלאַכט אין מיר און זיך געפֿרייט, אַ קינד געװען.

די יונגע ליכטציערן — נאָר איינמאָל —

דער אויסגעדינטער װעלנער — װאָס איינמאָל?

די יונגע ליכטציערן — נ אָ ר א יי נ מ אָ ל װעט מ ע ן ג אָ ט נ אָ ר א יי נ מ אָ ל װעט מ ע ן ד י ק י נ ד ה יי ט.

(זיפֿצט)

דער אויסגעדינטער װעלנער — װאָס זיפֿצטו?

די יונגע ליכטציערן — װײַל איך בין אַ יתום... ביי אַ באָבע זיך געבאָחעט ; איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געװען מיין קינדהייט.

דער אויסגעדינטער װעלנער — װעסט זען.

די יונגע ליכטציערן — ד אַ ן. װ ע ן א י ך װ ע ל ז ע ע ן ג אָ ט !

דער אויסגעדינטער װעלנער — און יאָסעלע?

די יונגע ליכטציערן — ס׳יתום׳קייט... ס׳גרויסע יתום׳קייט, װאָס ליגט זיך אויפֿן האַרץ ;

דער אויסגעדינטער װעלנער — יעצט איז שבת... און איך בין צוריקגעקומען פֿון װאָגלען... פֿרייסט דיך ניט ?

די יונגע ליכטציערן — אין מיטן דער גרעסטער פֿרייד, דערמאָנט מען זיך, ס׳יתום׳קייט ; װי אַ װײַסער קיטל אויף אַ חתונה.

דער אויסגעדינטער װעלנער — אַ ייִד קאָן ניט האָבן די גאַנצע פֿרייד.

די יונגע ליכטציערן — עס גייט ניט איין... מען קלאָגט אויפֿן פֿרעמדן חורבן און אויפֿן אייגענעם חורבן —

דער אויסגעדינטער װעלנער — נו — גענוג — זײַ מיר ניט קיין קלאָג־מוטער ! יאָסעלע װעט קומען — און דו װעסט אים דעם קאָפּ איינחיינען, װעל איך —

די יונגע ליכטציערן — חיים ! זע נאָר !

דער אויסגעדינטער װעלנער — װאָסי ?

די יונגע ליכטציערן — ס׳מלבוש ! ס׳שבת׳דיגע מלבוש ! אין עלנבויגן.

דער אויסגעדינטער װעלנער — װאָסי ?

די יונגע ליכטציערן — אין עלנבויגן — א לאך אויסגעבערענט. — אזא מלבוש.

דער אויסגעדינטער זעלנער — טא! טא! א תכ פון א בגד — נו, מ׳עט פאריכטן!

די יונגע ליכטציערן — מע פאריכט — מע פאריכט, — און עס בלייבט א זנאק.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אזא מלביש! ס׳שבת׳דיגע מלבוש.

די יונגע ליכטציערן (זינגענדיג) — „איז געקומען דער״ — — —

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו — זינג — זינג — א ניי חיגע לידל?

די יונגע ליכטציערן — יא, א חיגלידל... דאס חיגליד פון מלאך המות — ע, ווען די שחיגער זאל עם הערן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — האס זוימט זי זיך, די מאמע?

די יונגע ליכטציערן — א שטיקיכיע עופ פאר א קימפעטארין.

דער אויסגעדינטער זעלנער (שעלמיש, קוקט אין די אויגן) — א קים-פע-טארין!

הערסט, זעלדע — (שטיל) יעצט, זעלדע, זאלסטו מיר — גיין אויפן מארק און ברענגען א מויד.

א יונג האב איך, היל איך א מייד.

די יונגע ליכטציערן — חי דאס רעדט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — קיינער הערט דאך נישט.

די יונגע ליכטציערן — הענט האבן אויערן.

דער : ויסגעדינטער זעלנער — נא!

די יונגע ליכטציערן — ס׳אי דא רייד, האס מען טאר איבערן מויל נישט ברענגען.

(ברוגז)

דער אויסגעדינטער זעלנער (וייזט די פינגער) — נא, ברוגז, שטעך־ברוגז!

די יונגע ליכטציערן — ברוגז.

דער אויסגעדינטער זעלנער — געדענקסט — אין די שבע־ברכות?

די יונגע ליכטציערן — שהיג!

דער אויסגעדינטער זעלנער — האב איך דיך גענומען אזוי אויף איין פינגערל אין דער האנט, און דיך געטראגן, און די פיס האבן אנגעקלאפט אן באלטן.

(נעמט זי)

די יונגע ליכטציערן — חיים! לאז אפ!

דער אויסגעדינטער זעלנער — ניין — אט אזוי — מיט די פיס אנקלאפן אן באלטן.

די יונגע ליכטציערן — טוט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — ניין-דריי מאָל-

די יונגע ליכטציערן — איינס, צוויי, דריי.. לאָז אָפּ.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אזוי — אין באַלטן... אַ כ׳בין געהען אַ קינד, האָט מיר דער באַלבן אראָפּגעשיקט אַ דרייער פּאַר לערנען... און איצט װיל איך דער באַלטן זאָל מיר אראָפּשיקן אַ טויד.

די יונגע ליכטציערן — װען די שעה װעט זײַן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — זע —דער באַלטן שפּאַלט זיך, חאָלקנס — — — זעסט, חאָלקנס!

די יונגע ליכטציערן — ס׳דאכט זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַלץ דאכט זיך. ... אַ װעלט אויסגעװען... אַ חלום... אַלץ איז אַ חלום.. זעסט-שװאַרצע פּלעקן-דאָס זענען טריבע חלומות..

די יונגע ליכטציערן — נאַר׳ביש!

דער אויסגעדינטער זעלנער — בין איך געשטאַנען אמאָל, נאָך איידער כ׳בין געװען אין דעם פּולק, בײַ דער מוזיק, אויף סלוזש-בע... אַן אַלטע חורבה געװיס, מען זאָגט: אוצרות באַגראָבן אין די קעלערס, און טייל זאָגן: אויסגעריגען, פאַרזשאַװערט, צונג׳גנב׳עט — בין איך אזוי געשטאַנען שעהן — און אַלע מחשבות זענען װען דער הימ—אַלעס װעגן ד ע ר ה י ם — בין איך אזוי געשטאַנען שעהן, שעהן — האָב איך אזוי געקוקט אויפן ב אַ ל ט ן און זיך געזאָגט — פאַרװאָגלט, — איז קײן הימל נישט איבערן קאָפּ, זאָל אַ באַלטן זײַן דער הימל — האָב איך זיך געמאַכט סימנים: חאָלקנס, חלומות... װענט האָבן אויערן? װענט האָבן אויגן אויך —

די יונגע ליכטציערן — נאַר׳ביש:

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַז מען איז אַליין — אין דער פֿרעמד — קומען פאַרשידענע מַחשָבות אין קאָפּ. נאָר סטאַלאָ שען! געענדיגט.

די יונגע ליכטציערן — װאָס איז געענדיגט?

דער אויסגעדינטער זעלנער — געענדיגט איז ס׳האָגלען... אַ נײַ לעבן! — אַהיים! דאכט זיך אויסגעקאַלעכט די שטוב?

די יונגע ליכטציערן — אויסגעקאַלעכט; זיך געװעכט אויף דיר —

דער אויסגעדינטער זעלנער — און איצט — זעלדע — גאָט עט געז׳ן, אַ ק ד י ש האָב איך שוין.

די יונגע ליכטציערן — אַז די שעה װעט זײַן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — װעסטו אַ נאָמען געבן אויף דײַן טאַטעס נאָמען.

די יונגע ליכטציערן — דער טאַטעס נאָמען.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מיט אַ קדיש בין איך שוין. געלויבט דער אויבערשטער, פאַרזאָרגט,-יעצט סטאַרע זיך — ביסט דו עלטסטע; אַ מענש אָן אַ נאָמען נאָך זיך, בלײַבט אונטער אַ שװאַרצן פאַרהאַנג. —

די יונגע ליכטציערן — די יתומ׳קייט.

דער אויסגעדינטער זעלנער —נו—זשװאַזע! „האָט אַ ייד אַ װײַ־בעניו" —

די יונגע ליכטציערן — אייביק מיט די הרצה'כיע! א ייד איז אזוי פארטרויערט, אז ס'מוז זיין אן הלצה'כיע!

דער אויסגעדינטער זעלנער — איך 'על נאך דערציילן פאניעס הלצות, איז בילעטן צו נעמען.

די יונגע ליכטציערן — נו - דאס מעגסט שוין לאזן אויף דער װאכן. מוחל!

דער אויסגעדינטער זעלנער — האס זוימט זיך די מאמע?

די יונגע ליכטציערן — האט הנאה פון מצוות - ביזם הונגעריג?

דער אויסגעדינטער זעלנער — שייך... נאר בכבוד-אם. מ'עט הארטן!

א ייִנגעלע — די מאמעשי דע-שיקט קו-גל, בעט צו פארזוכן.

(לייגט אוועק)

א מיידעלע — די באבעשי געשיקט טעגעלע. בעט צו פארזוכן.

(לייגט אוועק. שפעטער, מעשה בעלהבית'טע)

נו-הי איז ביי ענק דער קוגל געגראטן?

א צווייט מיידעלע — די מאמעשי געשיקט קרויט געפילט, טעם גן-עדן—לכבוד דעם גאסט.

א צווייטער ייִנגעלע — די מאמעשי געשיקט צו פארזוכן?

די יונגע ליכטציערן — האס האסטו געברענגט?

צווייטער ייִנגעלע — שיסטאלען!

די יונגע ליכטציערן — א שיינעם דאנק, זאג דער מאמעשי „מערצישעם" (אם ירצה השם) אויף דיין חתונה.

און דער צימערינג האסטו נישט אפגעגאסט?

ייִנגעלע — איך בין נישט קיין נאשער.

די יונגע ליכטציערן — הארטס! באלד קומט די ליכטציערן, העט זי ענק געין ניסלעך. האס זאגט מען היינט? פרק צו ברכי נפשי?

ייִנגעלע — ברכי נפשי!

דער אויסגעדינטער זעלנער — א װאוילער בחור! אהא-יאסל איז אין זיין גריים—הא, זעלדע?

די יונגע ליכטציערן — גייטס אהיים, לייגטס ענק שלאפן—און דערנאך קומטס אהער, וועט מען טיילן שבת-אויבס.

די קינדער — שבת-אויבס! שבת-אויבס!

דער אויסגעדינטער זעלנער — און מיר אויך פירות אויף שבת—שבת-אויבס.-שוין פיר יאר נישט געגעסן!

א ייִנגעלע (קומט אריין) —

די מאמעשי געשיקט קוגל פון קארענע קליסקעלעך מיט א שטיקל קישקע! לכבוד דעם גאסט!

די יונגע ליכטציערן — אן עין הרע—דער טיש איז שוין באלד פול.

דער אויסגעדינטער זעלנער (בעשמחה'ס) — מען פארהעט!

די יונגע ליכטציערן — הי געפעלט דיר דאס אויפראכטעכץ?

אסור אויף א תענוג!

דער אויסגעדינטער זעלנער — די טיר רוט נישט קיין רגע. הוב-הוב-מען פאדאדעם.

(קנעפלט אויף די הויזן)

חען חעם מען דאס אריינליגן ?

די יונגע ליכטציערן — נו — טועם זיין א כזית פון יעדן... נישט צופארשעמען !—

(אלע יינגלעך אפ, אויסער איינס)

די אלטע ליכטציערן (קומט אריין) —

שוין אריינגעבאפט אין איינחעגס א מצוה. אויף האס הארטסטו, יינגעלע?

די יונגע ליכטציערן — געבריענגט צימעס צו פארזוכן!

די אלטע ליכטציערן — צימעס אין שבת? דאס איז דאך פון פריימאג-צונאכטס!

די יונגע ליכטציערן — נישט געהאט עפעס אנדערש... געהאלט מהנה זיין!

דער אויסגעדינטער זעלנער — די טיר רוט נישט קיין רגע.

(טוט זיך אויס די מארינארקע)

די יונגע ליכטציערן — אויף האס הארטסטו, יינגעלע?

יינגעלע — אויף די קערלעך, אויף די קערלעך פון די שיפ-פעלען.

די אלטע ליכטציערן — אי, — א נאשער — דיין שוועסטער איז אייך א נאשער? ס'חעט רעגענען אויף איר חתונה.

(יינגעלע אפ)

די אלטע ליכטציערן — האס — חיים — אן א מלבוש בים טיש?

דער אויסגעדינטער זעלנער — היים, מאטושקע!

די אלטע ליכטציערן — פאניעס עדוקאציע! נו—זיי מיר נישט מבזה דעם טיש.. הייסט נישט, א טיש איז א מזבח; אמאלצייט — א קרבן. ס'מוציא-מעסער מיטן זאלץ-מעסטיל; די חלות; דער האשבע-בער — — — נו—זאל שוין אלעס זיין צום גוטן. נישט איינמאל האט מען אריינגעחיינט אין שיסליכיע יוך און אין קאפ פיש... און אזוי גע-געסן... פון די טרערן איז געחארן אויגן.

דער אויבגעדינטער זעלנער (טוט אן די מארינארקע—שפרייט אויס די נאז-לעכער)—

א, ס'פארייסט—דער ריח—די ריחות—פון חלה-ציטערינגט, שיפטא-לען—מען קאן גארנישט אויסרעכענען אזעלכע ריחות.

די אלטע ליכטציערן — א, ס'שמעקט אין דערהיים—דער מא-מעס געקעכעך?

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאמע הייסט—אין אדעם—אין דער פרעמד—אז ס'איז געקומען פרייטאג, האט מיך פארקלעמט—און די נאזלעכער האבן אזוי געשנאפט, הי א געשלאגענער הינט, זיך געשארט אויף די גאסן, פאר די פענסטער און געשנאפט... געהאלט שפירן דעם שבת-ריח—אז כ'האב געגעסן פון קעסל!

ביידע פרויען (פארברעכן די הענט) —

חי מיר געשעען! געגעסן פון קעסל.

דער אויסגעדינטער זעלנער — געגעסן: פאניע לערנט אויס! אין אנהויב האט מיר די פארע א זעק געטון אין דער נאז. האט עס מיך פארנידזשעט. און דערנאך האט מען -- פאוואליוטע - אויסגעקנע־ ריקט ס׳שיסעל׳כיע און זיך איבערגעבעטן דערמיט—אבער שבת האבן די נאזלעכער געשנאפט, חי בײַ א משוגענעם הינט!—נא! אט איז דער הילצערנער לעפל פון די שטיהל!

די יונגע ליכטציערן —אזא צער! אונזערע טרערן זאלן קויכען פאר גאט.

דער אויסגעדינטער זעלנער - איינמאל אין כערסאן - אוועק אין שול—און זיך געשטעלט אין מיר—אן אורח; א חונים א שטוב; האט מען געגעסן—איר װעט לאכן!

די יונגע ליכטציערן — נו—דערציילט!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אין ראסי! דאס ראסי איז? די פיש מיט כריין; און דאן דאס טשאלנט אין הייסע זופ—און קאל־ טע צימעס!

די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן
כא--כא—קאלט צימעס!

די יונגע ליכטציערן — יעצט גלויב איך שוין!

דער : ויסגעדינטער זעלנער — דאס גלויבסטו?

די יונגע ליכטציערן — אז ליטװאקעס טראגן א צלם אויפן הארץ... אויף מענשן, דאס עסן קאלטע צימעס קאן מען שוין אלץ גלויבן.

דער אויסגעדינטער זעלנער -- נאר׳כיע! מי גלופיענקאיא — מאיא, יאלקא מי זיעלאנאיא — דאס זענען דאך ב ע ס א ר א ־ ב ע ר.

די יונגע ליכטציערן — א נפקא מינה... אויסגענומענע!

דער אויסגעדינטער זעלנער — אי—ריחות; יעצט הייס איך: אז מען האגלט אין דער פרעמד, צום אהיים. צום—די א הונט, און מארקאטנע! עס ציט... און דאס זענען די ריחות —

די אַלטע ליכטציערן — נא, רעד אביסל חייניגער און קוק אין טעלער ארײַן. דער מאגן האט ס׳געגאר, אז מען קוקט נישט אין טעלער ארײַן. און דאס האסטו פרייטאג־צונאכטס געגעסן — גע־ דענקסטו?

דער אויסגעדינטער זעלנער — א שאלה — דער טעם ליגט מיר נאך אין מויל. די מאמעס לאקשן.

די אַלטע ליכטציערן — דערקענט, הא?

דער אויסגעדינטער זעלנער — א שאלה אביסל! שנאפ, שנאפ—גיט זיך א קאלער אראפ—דיג! יא—יעצט הייס איך! יע י ב א ג ו נאך דער מאמעס לאקשן אויך סקוטשאדעט.

(די יונגע לאכט)

די אַלטע ליכטציערן (שפעט נאך) — נאך דער מאמעס לאקשן אויך סקוטשאיעט? דאס פאר א לשון? ביזט דאך מיר געהארן א גאנג צער ליטװאק!

דער אויסגעדינטער זעלנער — װאש? (דאס)

די אַלטע ליכטציערן און די יונגע ליכטציערן (לאכן) —

האָש! האָש איז אַ דאָש!

די אַלטע ליכטציערן — קום, זינדל, קום, וועל איך דיך לערנען, ווי אַ קליין קינד - רידן. זאָג נישט האָש, נאָר ווי מע רעדט בײַ אונז — אויף אונזער שטייגער. זאָג: וואָע.

דער אויסגעדינטער וועלנער — וואָע.

די אַלטע ליכטציערן — מאַמע!

דער אויסגעדינטער וועלנער — מאַמע!

די אַלטע ליכטציערן — פּראַסטיק!

דער אויסגעדינטער וועלנער — פּריי‏טיק!

די אַלטע ליכטציערן — וואָס פאַר אַ פּרייטיק?—זאָג פּראַטיג! נאַ דיר אַ סימן - דער קורצער פּראַטיג.

דער אויסגעדינטער וועלנער — נו-פּראַטיג.

די אַלטע ליכטציערן — אָט אַזוי (מיט אַ געלעכטערל) ס'קינד רעדט שוין... זעסט, הייב — אַ מענש טאָר נישט ענדערן ס'לשון, אין וואַרשע רעדט מען „יאָך" און אין קאַליש, „איכע"!

דער אויסגעדינטער וועלנער — איכע!

די אַלטע ליכטציערן — דערקענט מען יעדן מענש, לויטן לשון, פון וואָס פאַר אַ קאַנט ער איז... מײַן זיידע, ר' אליי, איז גע-וועזן אַ מבין אויף ווײַן, האָט ער טועם געווען אַ טראָפּן, האָט ער גע-וואוסט פון וועלכע מדינה ס'איז... אַזוי ס'לשון! לויטן לשון דער-קענט מען... ווי וואונדערלעך איז די וועלט. יעדעס גרעזל'כע וואָס זיך אַ ריח, יעדעס פייגעלע האָט זיך זײַן לשון, הײמיש.

דער אויסגעדינטער וועלנער — אַנימעלט פאַר איך אין סע-וואַסטאָפּאָל אויף מאַניעווערס... שטייט אַ וואַרמאַט, און זעכצן פערד געשפּאַנט—גיים צו אַ וועלנער און זאָגט: אַ וואַרמאַטיכיע! לאָך איך! שלום-עליכם, איר זענט אַ קוטנער...

די אַלטע ליכטציערן—זעסטו! אַזוי-היימיש! היימיש געקעכץ, היימיש לשון!

די יונגע ליכטציערן — ער נעמט דאָך גאָרנישט אין מויל אַרײַן.

דער אויסגעדינטער וועלנער (פאַרטראַכט זיך) —

די אַלטע ליכטציערן — וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט. קלערסט, ווי דער הונט האָט דעם פּופּיק?

דער אויסגעדינטער וועלנער — די מאַמע'ס ווערמ'כיע!

די אַלטע ליכטציערן — כ'לעבן! ס'קינד רעדט שוין! ווערמ'-כיע! וואָס קלערסטו?

דער אויסגעדינטער וועלנער — כ'קלער — כ'קלער פון באַ ל ט ן... מאַמע! און דער שטוב בין איך טאַקע געבוירן גע-וואָרן?

די אַלטע ליכטציערן — אָט דאָ, — אין דעם ווינקל. אַ וואַזש-נע קימפּעטער'כע געווען! שיער נישט אַרויסגעפלויגן פון לאַנגן קוטן.

דער אויסגעדינטער וועלנער — אָט דאָ — אין דעם ווינקל?

די אַלטע ליכטציערן — דאָ!

דער אויסגעדינטער וועלנער — און אויף דעם ברעט, דער.

מאָן איך מיך, איז דער טאַטע געלעגן – עליו השלום – און אַ צייט האָב איך מורא געהאַט צו גיין אויפן פרעט.

די יונגע ליכטציערן — ס'איז שבת – רער נישט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אזוי זענען שוין יידן, חענן האס מען זאָל נישט רעדן, קומט מען אַלץ ארויס אויפן טויט...

(זולט)

די אַלטע ליכטציערן — האָס זוכסטו ?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָט דאָ – ערגיץ האָב איך געהאַט קינדהייט אַ גריבעלע צו שפּילן און ניסעלע – ס'איז דאָ !

די יונגע ליכטציערן — אַ גריבעלע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — הא – מאַמע: האָס איז דאָס׳ זאָס ס'ציט – האָס ס'ציט פון חי הייט אַ ה י ם, צו דער שטוב ?

די אַלטע ליכטציערן — די היים !

דער אויסגעדינטער זעלנער — אויף סלאָהעסנאָסט – אויף גראַסאַטע – ביים לערנען די באַזשעצעס, האָט מיר דער דיאדקע – אַ שונא ישראל געחען — דווקא געהאַלט אַריינקלאַפּן אין קאָפּ דעם טייטש פון האָרט „ראָדינאַ" – און נישט באַקומען.

די אַלטע ליכטציערן — האָס איז דאָס – ראָד – –

דער אויסגעדינטער זעלנער — ראָדינאַ — ס'פאָטער־ לאַנד!

די אַלטע ליכטציערן — אזוי זאָג: א ר ץ א ב ו ת י נ ו ! אַז משיח חעט קומען, הענט מען אויך האָבן ס'פאָטערלאַנד.

דער אויסגעדינטער זעלנער – און דערהייל ?

די אַלטע ליכטציערן – דערהייל – קינדעלע האָט יעדער ייד אַ מ אַ מ ע ־ ל אַ נ ד.

דער אויסגעדינטער זעלנער — און האו איז דאָס מאַמע־ לאַנד!

די אַלטע ליכטציערן — אונטער דער מאַמעס שאַרץ... כ'לאַך דאָס !

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָס לאַכט די מאַמע ?

די אַלטע ליכטציערן — כ'לאַך דאָס! די חעלט זאָגט, „אַ קינד אין וויגל, איז אים די חעלט גרויס ; דער מענש חערט דערהאַקסן, איז אים ענג די חעלט."

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאַמע ! מאַמע ! איך קום פון חאַגל, פון דער פרעמד. חען דו זאָלסט חיסן, חי די ח ע ל ט אי ז ע נ ג!

און דאָ–אין דעם חינקל, בין איך טאַקע געבוירן ?

די אַלטע ליכטציערן — דאָ – – – אַ שטוב! אַ יידישע שטוב. ס'ייזגט טעם האָט דאָך אַ יידישע שטוב. אַ היגל – קליין און גרויס ; חי אַ בלומען־מאָפּ – אַביסעלע זאמד, און ס'שפּראָצט און ס'בליט. אַ פאָלקערל – נישט קיין סך גרעסער פון אַ היגל – און נישט קיין סך קלע־ נער, חי אַ קבר – און ס'איז גענוג, אַז אַ לעבן זאָל זיך פאַמיעשטשען. אַלץ איז געיידישט און געהייליגט. אַ טיר – אַ מזוזה; אַ טיש – אַ מזבח און געפעס און ס'געשער ;

אין הרויסן איז אַ מבול, קינד – אַ מבול, און די היימישע שטוב איז

א תבה, צו ראטעהען זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — די ש ט ו ב! די ש ט ו ב! די שהעל... די טיר... דאס הינקל.

די אלטע ליכטציערן נו — זון מיינער — זיי גיט און פרום! היט ס'יידישקיים! נו — איז דען א שלעכטע זאך ס'יידישקייט — היימיש, היימיש; היימיש געקעכץ, היימיש לשון, היימישע שטוב; היטן דארף מען'ס, הי אן אויג אין קאפ.

נו — חיים; און איצט לכבוד שבת זמירות.

דער אויסגעדינטער זעלנער — שוין פאר עסן!

די אלטע ליכטציערן — הערסט, חיים — זאלסט היינט למען השם אריבערגיין צום רבי'ן אויף שלש סעודות... קריג ארויף אויף דיר א נייע הויט; און דערהייל העט דיך די מאמע דערמאנען. א מאמע דערמאנט טעגנדיג. אט אזוי — יאָרן געזעסן ביי א היבערישן טיש — — — דערמאן זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — ב'דערמאן זיך, א —

די אלטע ליכטציערן — אזוי אלטע נגונים — אוי — קינדער — ס'יידישקיים! אזוי, התעוררות! ותבוא עלינו ברכת טוב... התעוררות! התעוררות!

די יונגע ליכטציערן — הא — א נחת — קהעלסט!

דער אויסגעדינטער זעלנער — היים! היים! הון ומצרים.

(דרימלען פאמעלעך איין; קורצע פויזע; אויף א חילע פינסטער).

(דערנאך קומען אריין צווי קינדער און שפילן אין באהעלטעניש).

(ש ב ת - ר ו. שטיל. עס הערט זיך א שטארקער פייף פון פאבריק-קוימען פון דער גאזשעלניע).

(דער ש ב ת - ג ו י קוקט אריין דורכן פענסטער. דער א ר ץ - י ש ר א ל - א ו ר ח גייט פארביי).

(די לאדנס ווערן פארמאכט. סאג-ליכט דורך דעם לבנה-שניט פון לאדן. אין א ווינקל די א ל ט ע ל י כ ט צ י ע ר ן — העל-באלויכטן).

(זי לייענט שטיל און הארציג די סדרה וישב פ' א'.

די אלטע ליכטציערן —

„אונד, עס איז געוועזן, ווען יוסף איז געקומען צו זיינע ברידער אזוי האבן זיי אפגעטון י ו ס פ'ס ה ע מ ד, דאס העמד פון פילע פארבן, וואס איז געוועזן אויף אים, אונד זיי האבן אים גענומען, אונד זיי האבן אים אריינגעוואָרפן אין א גרוב, א ב ע ר ד י ג ר ו ב א י ז ג ע ו ו ע ז ן ל י י ד י ג, עס איז נישט געוועזן אין איר קיין וואסער. אונד זיי האבן זיך אנידערגעזעצט ברויט צו עסן, אונד זיי האבן אויפגעהויבן זייערע אויגן אונד זיי האבן געזעען, אונד זע, א רייזנדע געזעלשאפט פון ישמעאלים זענען געקומען פון גלעד, אונד זייערע קעמלען האבן געטראגן ג ע ו ו י ר ץ א ו ן ב א ל ז א ם, אונד לאדאנום, זיי זענען געגאנגען ארופצוניידערן קיין מצרים; אונד יהודה האט געזאגט צו זיינע ברידער, וואס פארא געווין איז צו אונז, ווען מיר וועלן הרג'ענען אונזער ברודער אונד פארהוילן זיין בלוט? קומט מיר וועלן אים פ א ר ק ו י פ ן צ ו ד י י ש מ ע א ל י ם, אבער אונזער האנט זאל נים זיין אין אים, וואָרן עס איז אונזער ברודער, אונזער פלייש; אונד זיינע ברידער האבן אים צוגעהערט, אונד עס זענען איבערגעפאָרן מענער פון מדין, סוחרים, אונד זיי האבן ארויסגעצויגן אונד זיי האבן יוסף ארויסגעבראכט פון דעם גרוב, אונד זיי האבן יוסף'ן פארקויפט צו די ישמעאלים, פאר צוואנציג שטיק זילבער,

אונד זיי האָבן יוסף געבראַכט קיין מצרים; אונד חען ראובן האָט הידערגעקערט צו דער גרוב, אונד זע: יוסף איז נישט געהעזן אין דער גרוב, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער; אונד ער האָט צוריקגעקערט צו זיינע ברידער און האָט געזאָגט, דאָס קינד איז ניט דאָ, אונד איך, האו זאָל איך אהינקומען? אונד זיי האָבן גענומען דאָס העמד פון יוסף, אונד זיי האָבן געשאָכטן א ציגן-בעקיל, אונד זיי האָבן איינגעטינקט יוספ'ס העמד אין דעם בלוט; אונד זיי האָבן געשיקט דאָס העמד פון פילע פארבן, אונד זיי האָבן עס געבראַכט צו זייער פאָטער, אונד זיי האָבן געזאָגט, דאָס האָבן מיר געפונען. דערקען נון אויב דאָס איז דאָס העמד פון דיין זון אָדער נישט. אונד ער האָט עס דערקענט, אונד ער האָט געזאָגט, עס איז דאָס העמד פון מיין זון! א הילדע חיה האָט אים אויפגעגעסן. יוסף איז פארציקט געהאָרן; אונד יעקב האָט צע־ריסן זיינע קליידער אונד ער האָט געטון א זאק אויף זיינע לענדן, אונד ער האָט געטרויערט איבער זיין זון פילע טעג... טָרֹף טֹרַף יוסף. און יוסף איז פאַרציקט געהאָרן".—

(צחיי קינדער שפילן זיך אין באהעלטעניש. גייען סטיל, זאכט, אויף די שפיץ-נעגל. חי אין דער מורא, זיי זאָלן קיינעם נישט אויסחעקן. איינע באהאלט זיך אין א חינקל)

ערשטער יינגל — שוין?

צחייטער יינגל (פון אונטער א חינקל) — שוין!

ערשטער יינגל — אָט פאק איך דיך... אָט אָ... אונטערן שאנק, אויפן שאנק... אונטערן בעט, אויפן בעט... אונטערן שפיגל, אויפן שפיגל... אויפן שפיגל נישט... האו ביזטו, יאָסעלע? חי באהאלסטו

זיך? יאָסעלע, יאָסעלע?...

דער אויסגעדינטער זעלנער (כאפט זיך אויף) — הא! הא! יאָסעלע?

די אַלטע ליכטציערן — גאָרנישט... פאראן נאך א יאָסעלע! די בלינדע רייצעס.—קינדער שפילן זיך אין באהעלטעניש.

צחייטער יינגל — יאָסעלע, חאו ביזטו? נו—באהאלט זיך נישט אזוי לאנג... כ'על דיר גאָרנישט טון, כ'האָב פאַרשפילט... כ'על דיר געבן א פאַנט... כ'על האָפסן אויף איין פיס—אין א מעסערל העל איך דיר גע'ן... יאָסעלע! יאָסעלע!

(גייט צו צום קעלער, וויל אויפהייבן ס'דעקל)

א... שו! א... שו! יאָסעלע!

(מיטן ניגון פון חומש)

יוסף, מיין זון, קום ארויס פון גרוב!

די אַלטע ליכטציערן — גיי! לאָבוס! האָס ענק פאַלט איין!

צוייטער יינגל (לויפט ארויס פון חינקל, גלייך)— אָט בין איך! איך, יאָסעלע!

די אַלטע ליכטציערן — נא—זיינע שטיחעלעך! אהיים גייטס! מען שלאָפט דאָ... אז א מענש שלאָפט, איז די נשמה אין גן־עדן, אין הימל ביי גאָט, טאָר מען נישט איבערחעקן.

קינדער — שוין... שבת=אויבס, שבת=איבס!

די אַלטע ליכטציערן — זיי חעלן מיר נאָך ס'פארטעך צע-

רײסן. דער טאָג איז קורץ. מען מוז נאָך זאָגן אַ ייִדיש װאָרט... שפּעט, שפּעטער. כ'על נאָר אָפּזאָגן אַ ייִדיש װאָרט... לאָזן קײן אויג נישט צוטון! כ'על ענק נאָך געבן שבת־אויבס. אַ סך שבת־אויבס! פֿון אַלע סעדער און װײנגערטנער! קומטס, קינדער! כ'על ענק רופֿן.

ערשטער ייִנגל — די ליכטציערן װעט מיך רופֿן?..

די אַלטע ליכטציערן — כ'על דיך רופֿן, יאָסעלע!

די יונגע ליכטציערן — זײַן עלטער, זײַן גרויס, זײַנע שטי־װעלעך, אים צו לאַנגע יאָר.

דער אויסגעדינטער זעלנער (כאַפּט זיך אויף) —

באַראַ באַנאַ באַם—באַם! באַראַ־באַם באַם! באַראַ באַם! די פּויק! טאַק מאַטשנאַ האַשע חיסאָקאָ...

די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן —

װאָס איז דיר? זע נאָר, און גאַנצן מיט שווייס.

די אַלטע ליכטציערן — אַ חלום אודאי!

דער אויסגעדינטער זעלנער — באַראַ באַראַ באַם... האָ! װאו בין איך?—אַ, האַסער.

די אַלטע ליכטציערן און די יונגע ליכטציערן

האַסער, האַסער.

די יונגע ליכטציערן — ער איז דאָך אין אנגסטן.

די אַלטע ליכטציערן — נו־לאָמיך דיר אָפּװישן דעם שטערן מיט די שערץ.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ־מאַמעס שערץ.

כ'בין אַזוי אָנגעשראָקן.

די יונגע ליכטציערן — װאָס איז דיר?

דער אויסגעדינטער זעלנער — פֿאָניע... פֿאָניע װאַרפֿט אָן אַ מורא! מען זעט די עלטער־באָבע פֿאַר די אויגן. איך בין געװען בײַ פֿאָניע'ן אַבאַראַבאַנטשיק.

די יונגע ליכטציערן — יאָ, האָסט געשריבן, יאָסעלע זיך אויך געפֿרײט: טאַטע—ברענגען—אַ פּויק.

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָ! בין איך געװען אַבאַראַ־באַנטשיק... אַזוי פֿאַראויס די ראָטע—און באַרי באַרי באַם! קינד און קײט געקענט. נאָכגעלאָפֿן. — אײנמאָל אַ—עס קומט נישט אַ גרויסער שררה, דער הויפּטקאָמאַנדיר.

די יונגע ליכטציערן — דער ראָש!

דער אויסגעדינטער זעלנער — דער סאַמאָראָדנער ראָש... אַ גענעראַל. די דיאַדקעס זענען אַרומגעלאָפֿן, װי פֿאַר'סמ'טע מײַז; דער װיזװאָדנע צומישט; דער ראָטני אָן קאָפּ,—אויפֿגערוימט, אויסגעשײַערט אַ—דער ראָטני קומט—כ'מײן דער גלאַװני קאָמאַנדיוישטשי,—דער ראָש, — און אַלע זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט „פּ אָ ד ק אַ ז י ר אָ ק“. „ס מ י ר נ אָ.“

דער ראָטנע גיט אַ קאָמאַנדאָ: מוזיק! אַ—איך װער נישט סטאָ, מיעיעט און אָנשטאָט אַ ב ע ג ר י ס ו נ ג, גיב איך נישט אַ קלאַפּ אָפּ װ ר ע ח אָ ג אַ!

צװישן װאָיסק' אַ בהלה. אַ — דער ראָטנע גיט נישט אַ לויף צו

צו מיר: ז ש י ד פ אַ ר ש י ה י — אַז — — — אין קאַרצער געזעסן — אַ חודש.

די יונגע ליכטציערן — און נישט געשריבן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַ סך זאַכן נישט געשריבן. צווישן מאַן און ווייב איז דאָ אַ סך זאַכן, האָט מען פאַרהוילט זיך.

די יונגע ליכטציערן — יאָ, צווישן מאַן און ווייב איז דאָ אַ סך זאַכן, האָט מען פאַרהוילט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — בפרט, אַז מען ליבט זיך.

די יונגע ליכטציערן — בפרט, אַז מען ליבט זיך.

די אַלטע ליכטציערן (זיפצט) —

רעבע, נעבעך. —

דער אויסגעדינטער זעלנער — האָט, רעבע נעבעך? האָט יאַכעלע זיך טאַקע געפרייט מיט דער פויק? געברענגט, געברענגט. אָט

(נעמט די פויק)

אין פולן סטראָי! טאַ-ראַ טאַ-טאַ ראַ-טאַ! אַזוי באַגריסט מען — מאַרש-טאַ-טאַראַ-טאַ-אַזוי איז מרעהאָגאַ.

די אַלטע ליכטציערן — חיים, מיין זון, האָט טוסטו? — ס'איז דאָך שבת-מוקצה, נישט, נישט-מען טאָר נישט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — מוקצה-אַ שיקסע!

די יונגע ליכטציערן — נו-שוין מיט די הלצה'כיע!.. זיי מיך נישט מבייש. ס'עט דאָך הערן אַן אַנגעלויף.

דער אויסגעדינטער זעלנער — אָט!

די אַלטע ליכטציערן — שיינע ערודקאַציע... פּראָמיסיאָן, פאַרגעבן. האָסט עפּעס פאַרלוירן.

(מיט אַ געלעכטערל)

נאַ-אָנגעמאַכט אַ בושה! האָט דיר די הענט.

דער אויסגעדינטער זעלנער (פאַרשעמט זיך) —

ס'ראַזועהאַנע ברוים! פּאַניע!

(דער אויסגעדינטער זעלנער אָפּ)

(עס הערט אַן אַנגעלויף; דער שבת-גוי טאַנצט פאַרן פענסטער.

דאָס רבי'לע, די קינ'ער, קצבים, דער אָרך-ישראל-ייד,

דער האַסער-טרעגער; די צוויי יידן פון שומרי-שבת)

יידן (שרייען) —

הלול שבת! חלול שבת!
-אַזאַ אַכבראָש!
-אין שבת!
-אדעס! אַדעס! די ליטוואַקעס!
-אַזאַ חוצפה! אַזאַ הערעמאָל!
-שיין דערלעבט! חיה לאהביע די ליכטציערן!
-אין חרם אריין דאַרף מען אַזאַ איינעם!
-אויסזאָרצלען!
-עוקר מן השורש זיין!
-זע נאָר-ס'צדקת פנימ'ל-פון דער שניר —
-האָט, שיינע שבתים רעכסטו אונז צו

די יונגע ליכטציערן — ווי איז ער, חיים—אזא אומגליק — זיי העלן אים א מעשה טון!

די אַלטע ליכטציערן — ייִדן—הר ג׳ע נ ע ן נ י ש ט.

די יונגע ליכטציערן — חיים ! חיים ! ייִדן—

(געבּרום, געשרייען פון דרויסן)

די אַלטע ליכטציערן — מנ׳ע — מבויש... זאל ער שוין זיין אפּגעקומען מיטן עונש אויף ד ע ר וועלט.

זיי זענען דאָך געגעבּם.

די יונגע ליכטציערן — א חלום !

אַ ייִדענע —א חלום—אלע בייזע חלומות צו דיין קאָפּ—קאָן דאָך נאָך חלילה ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטאָט.

די יונגע ליכטציערן — שווייג, מרשעת ! און מיין אומגליק... און מיין אומגליק ?—

די אַלטע ליכטציערן — שוויגסט, ייִדן — מ יי ן זון ! איך וועל אים שטראָפן.

(ווייזט אויף די יונגע ליכטציערן)

א י ר צוליב.

(דער עולם באַרוהיגט זיך—בלייבן שטיין אונטערן פענסטער)

(צו די יונגע ליכטציערן)

נו — סטאַלאַ שען! קיין וואָרט נישט וועגן דעם. א חלום. א בייזער חלום!—

די יונגע ליכטציערן (פאַלט אַרויף אויף די שוועלער) — שוויגערשי קרוין—עס איז דאָך גאָרנישט דער אייגענער מענש. דאָס בלוזשבע מאַכט פון איינעם—א פויק ! פאַרגרעבט.

די אַלטע ליכטציערן — פאַרגרעבט, פאַרגרעבט, וועט ער זיך א ו י ס ל יי ט ע ר ן.

די יונגע ליכטציערן — און געדענקסט שוין נישט קיין ייִדיש וואָרט... ס׳ביסל לערנען.

די אַלטע ליכטציערן — געדענקט נישט — וועט מען ד ע ר־ מ א נ ע ן.

די יונגע ליכטציערן — און דער ריח, שוויגערשי קרוין—דער ריח—דער דושעגעבץ!

די אַלטע ליכטציערן—איך בין א מאַמע—און ערגערע ריחות—נאָר — באַלד קומט די גוטע וואָך, די פולע וואָך, הדס און בשמים וועלן פאַרשמעקן.

די יונגע ליכטציערן — שוויגערשי קרוין — עס איז שוין נאָך שלש סעודות—און באַלד פאַרגייט די זון און דער הייליקער שבת־ קודש פאַרלעשט... און די שאָטנס לייגן זיך אויף די ווענט און עס ווערט פינסטער אין די ווינקלען. — שוויגערשי קרוין — כ׳האָב אזוי מורא.

די אַלטע ליכטציערן — וואָס האָסטו מורא, קינד מיינס?

די יונגע ליכטציערן — ווי וועל איך זיך ווייזן פאַר אים.— דאָס פוס־בענקעלע וואַרט שוין אויף אים—ווי וועל איך זיך ווייזן — די ש ט וב א י ז ל יי ד י ק

די אַלטע ליכטציערן — גאָט איז אַ פּאָטער.

די יונגע ליכטציערן — כ'האָב אַלעס געהערט: װי די בלינ־דע רײַצעס יאָסעלע — אויך אַ י אָ ס ע ל ע — אין אײן עלטער — װי אַזוי זײ האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטניש — און גערופן — יאָ־סעלע, יאָסעלע — ס'האַרץ איז אין מיר פאַרשניטן געװאָרן. כ'האָב געמײנט — דאָ װעל איך מיך שוין נישט אײַנהאַלטן און אַרויסבוכציען מיט אַגעװײן—און פאַלן אים אויפן האַלז—חיםן.

די אַלטע ליכטציערן — שטאַרק זיך! קדושת השבת צו־שטער מיר נישט.

(עס הערט זיך אַ פּײַף פון אַ באַן, באַלד דער פּײַף
פון אַ פאַבריק.—געטראַמפּל).

די אַלטע ליכטציערן - אַי —

די יונגע ליכטציערן — די באַן - מיטן װעלבן ציג איז חײם נעכטן געקומען; די גאָזשעלניע פּײַפט װעקסע.

די אַלטע ליכטציערן — אַי—אַמאָל אַ שבת; געװען שטיל, װי אין אַנ'אויער; אַלעס גערוט; אפילו ס'קװעלעכל אין פעלד, אפילו אַ בהמה אין שטאַל. אַרו און אַ שלוה; װי נעמט מען די אַמאָליגע שבתים; ס'גײט איין, ס'גײט אײַן.

די יונגע ליכטציערן — װאָס גײט אײַן?

די אַלטע ליכטציערן — ס'יידישקײט. אפשר װערט שוין גאָר כלו חייב. —

די יונגע ליכטציערן — זענען מיר נישט פרום?

די אַלטע ליכטציערן — פרום, פרום — אַז די װעלט אַרום...

(װידער אַ פּײַף)

אוי... גלות, גלות. אײַן תּפילה האָב איך.

די יונגע ליכטציערן — װאָס פאַר אַ תּפילה?

די אַלטע ליכטציערן — אויסגעלײזט װערן! אויסגעלײזט!

די יונגע ליכטציערן — און איך האָב נאָך אַ תּפילה.

די אַלטע ליכטציערן — זאָג, זי װעט דערהערט װערן.

די יונגע ליכטציערן — אַ ניי האַרץ... אַ ניי האַרץ זאָל אײַנ־געפלאַנצט װערן בײַ חײם, מײַן מאַן. דער זעלנער זאָל פון אים אַראָפּ; דער װאָגל; די פרעמד. ער זאָל װידער קריגן אַ יידישן טעם אין ריח; און באַגערן צו לערנען און נישט פאַרשעמען מיך.

די אַלטע ליכטציערן — אָמן, אָמן.

דער אויסגעדינטער זעלנער (קומט צוריק אַרײַן).

דער אויסגעדינטער זעלנער — (פאַרשעמט).

װאָס טוט זיך דאָ—פאַרװאָס קומט עס מיר — פאַרװאָס לאָזט מען מיך נישט צו רו. רו.

די יונגע ליכטציערן — אַ גאַנצן טאָג געסט—די טיר רוט נישט קײן רגע.

די אַלטע ליכטציערן — די טיר —

דער אויסגעדינטער זעלנער — װאָס איז הײַנט דאָ — װאָס איז מיטן טיש—דער טיש שטײט נישט גלײַך—אָט.

די אַלטע ליכטציערן — װאָס פּשעשקאַדזעט דיר?

דער אויסגעדינטער זעלנער — אַלעס — ס׳קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען—ס׳יאָגט פון שטוב אַרויס.

די אַלטע ליכטציערן — שטאַרק זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — דאָס האַרץ זאָגט מיר... אַן אומגליק שוועבט מיר איבערן קאָפּ... איך וועל עס נישט איבער-האַלטן.

די יונגע ליכטציערן — שטאַרק זיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָלט איך כאָטש מיין זון געזעען... אַ בליק אויפן זון—און רוהיג צום טויט. אַ קדיש!

וואָס שווייגט איר?

די יונגע ליכטציערן)
) (שווייגן)
די אַלטע ליכטציערן)

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאַטע - אויפן שטערן איז אַ האַלקן-לייג ארויף די האַנט און פאַריאָג דעם האַלקן; זעלדע, מיין האַרב-אונטערן לעפעלע פון האַרץ דריקט-טרייסט מיך.

(עס פינצטערט)

די אַלטע ליכטציערן —

גאָט פון אברהם און פון יצחק און פון יעקב – – –
הדס און בשמים טוען שמעקן
די פרומע, די געלייטערטע נשמות זאָלן זיך
פאַר אונז דערוועקן,

און קיין שום צער און בייז זאָל אונז נישט
דערשרעקן. – – –
אליהו הנביא, אליהו הנביא איז אין אונזער הויז,
אַלדאָס בייז זאָל פון אונזער
שטוב אַרויס,
אַלדאָס גוטס זאָל אין אונזער
שטוב אַריין,
ס׳זאָל ביי אונז אייביג זיין". —

די יונגע ליכטציערן —

אוי—אַלדאָס בייז זאָל פון אונזער שטוב אַרויס,
אַלדאָס גוטס זאָל אין אונזער שטוב אַריין
גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב —

די אַלטע ליכטציערן —

גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב
איך, דיין קנעכט,
טו פאַר דיר יעצט בעטן:
דער ליבער שבת־קודש
טוט פון אונז יעצט אָפּטרעטן

די יונגע ליכטציערן (חזר׳ט איבער וואָרט ביי וואָרט) —

די אַלטע ליכטציערן —

אין מיטן די גאַס
שטייט אַ לייטער,
אויף דער לייטער
הענגט אַ טראָמפּייטער;

ליבער גאָט, –
טראָמפּייטער נאָך,
אַז משיח זאָל קומען
אויף די װאָך".

די יונגע ליכטציערן — (חזר'ט נאָך)

ליבער גאָט,
טראָמפּייטער נאָך,
אַז משיח זאָל קומען
אויף די װאָך.

די אַלטע ליכטציערן — נו - חיים, שעמסט זיך—נו—פּאַנסביל שטאַרק זיך, זײַ חוזר בתשובה.

אָדם הראשון האָט אויך תשובה געטון.

דער אויסגעדינטער זעלנער — כ'בין פאַרשעמט, — די פּויק!

די אַלטע ליכטציערן — נו—גאַר'כיע—די פּויק! זאָל דער אויבערשטער העלפן, זאָלסט פאַר משיח דערלעבן פּויקן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — טראָמפּייטערן.

(שמייכלט באַרוהיגט)

די אַלטע ליכטציערן— אַזוי—װי אַ קינד—טראָמפּייטערן.

(פּויזע)

דער אויסגעדינטער זעלנער — אויפן לייטער הענגט... מאַמע, די מאַמע געדענקסט?

די אַלטע ליכטציערן—אַזוי—דערמאָנסט זיך?

דער אויסגעדינטער זעלנער —מען איז אַזוי פאַרפֿרעמדט און פאַרהאַגלט. און יעצט דערמאָן איך זיך!

די יונגע ליכטציערן — װאָס?

דער אויסגעדינטער זעלנער — די מאַמע געדענקט, אין הדר, דער רבי האָט דערציילט—די העלט װעט זײַן כּלו זכּאי אָדער כּלו חײב—און אַז מען װעט איין שבת אָפּהיטן;—איין שבת אָפּהיטן װי ס'געהער צו זײַן, כּהלכה—

די יונגע ליכטציערן — װעט משיח קומען!

די אַלטע ליכטציערן — אַ—כ'דערמאָן מיך—שוין לאַנגע יאָרן—קינדהייז—ביזם אַמאָל אָװעקגעגאַנגען אין אַ פרייטאָג איינער אַליין אויפן דאַרף.

דער אויסגעדינטער זעלנער —און געװאָלט אָנקלאַפּן בײַם מיטל—ייד! ייד, ייד—דעם הײַנטיגן שבת זאָלסטו מיר אָפּהיטן—מיר צוליב—איך װיל משיח'ן ברענגען.

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי קינד—דערמאָן זיך! דערמאָן זיך—לאָמיך געגענען מײַן אויער צו דײַן האַרץ—אַזוי טיק—טאַק טיק—טאַק, װי אַ זייגער.

דער אויסגעדינטער זעלנער — װאָס?

די אַלטע ליכטציערן — מײַנע מידע אויערן װיל איך לאָזן געגענען צום האַרץ און הערן און פאַרנעמען —

דער אויסגעדינטער זעלנער — װאָס, מאַמע?

די אַלטע ליכטציערן — אויב ס'קלאַפּט נאָך—אַזוי. אַזוי.

דער אויסגעדינטער זעלנער — און איך האָב געװאָלט גײן

פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד-קלאַפּן מיטן האַמער און רופן: איין טאָג, איין דֵעה—און מיר אַלע הערן געהאָלפן און אויסגעלייזט.

די אַלטע ליכטציערן — אוי —

אוי, התעוררות דאַרף מען דאָך קינדער, התעוררות!

אָט-יידישע קינדער-התעוררות! התעוררות!

רעבע, שטעל אָפּ דאָס ערשטע בעסטע יידישע ייִנגעלע אין גאַס-דאָס מינדסטע — און גיב אים אַזוי אַ פֿרעג: װאָס װילסטו זײַן, ייִנגעלע, ייִנגעלעכע-אַ קיסער, אַ מלך? ענטפֿערט דאָס קינד: נישט קיין קיסער און נישט קיין מלך — נאָר משיח. אַ ל ע י י ד י ש ע ק י נ ד ע ר װ י ל ן ק י נ ד ה י י ז מ ש י ח ׳ ן ב ר ע נ ג ע ן, מ ש י ח ז י י ן!

התעוררות-יידישע קינדער, התעוררות!

והָשֵׁב לֵב בָּנִים אֶל אָבוֹת וְקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ.

(איבער איר און אַרום איר שטראַלט—זי זעט אויס, ווי די מאַמע רחל)

אוי—מאַמע רחל, מאַמע רחל. שטיי אויף פ ו ן קבר און מי זיך פֿאַר דיינע קינדער. האָט לעבן אין יאָך, האָט הערן געפּײַניקט אין יעדן פֿרעמד, האָט הערן געיאָגט אין האָגל. מי זיך פֿאַר זיי—ואַמעל זיי איין!

התעוררות-יידישע קינדער, התעוררות!

הערט זיך צו, צו ענקערע הערצער-װאָס װילן מיר דען, רעבע? דערלייזונג! דערלייזונג! און נישט בלויז פֿאַר אונז און פֿאַר אונזער הויז געזונד און פֿאַר אונזער משפחה — נאָר פֿאַר אונזער לאַנד-פֿאַר דער גאַנצער װעלט. דערלייזונג!

דער אויסגעדינטער װעלנער—פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד—מאַמע, אַזוי װי קינדהייז,—אָנקלאַפּן אָן מיר, װי נאָר אַ ייד: שטייט אויף—איין דֵעה—איין טאָג—משיח'ן—משיח'ן!

די אַלטע ליכטציערן — יידישע קינדער, אין יעדן ייד לעבט דאָך משיח—און דאָס איז דאָך גאָרנישט קיין גרינגיגקייט. מ ס י ר ת נ פ ש,-ק ד ו ש ה ש ם,-ד ע ר ל י י ז ו נ ג. יידישע קינדער.

די יונגע ליכטציערן — זע — נאָר — מען שטייט פֿאַרן פענ-סטער.

(שטימען אונטערן פענסטער)

שבת=אויבס-די ליכטציערן האָט אונז צוגעזאָגט שבת=אויבס.

די אַלטע ליכטציערן — זעסט-אַזוי פֿאַרנומען, אַז כ'האָב גאָר שבת=א ו י ב ס נישט פֿאַרטיילט.

(ברענגט אויבס)

אַ, ס'פֿאַרטעך איז פֿול! אַזעלכע שיינע פּירות, אַזעלכע ליכטיגע יידישע פּירות אין שטוב-און פֿאַרגעסן אָן זיי-נאָטס ענק-נאָטס ענק-מאַכטס אַ ברכה.

(וואַרפֿט, ווי צו באַשיטנס)

עולם — שבת=אויבס! שבת=אויבס!

די אַלטע ליכטציערן — אַזעלכע לעכטיגע פּירות! עפּל און באַרנעס און װעלטשענע-ניס און טערקישע-ניס און ירושלים-ניס און שטראָנדל און באַדעיאַנקעס און מאַנדלען-און פּאָמעראַנצן און באַני-קערלעך, װײַנטרויבן און קאַנדל=צוקער און באָקס און ביר-העקעלעך און טײטלען!

עולם — מיר א טיטל! מיר א טיטל!

די אַלטע ליכטציערן — בעטס, ידישע קינדער, לאָמיר אויסגעלייזט װערן — העל איך אייך נעין איילבירטן און פילגראַמען און בליענדע הײנשטאָקן!

עולם — שבת־אויבס! שבת־אויבס!

די אַלטע ליכטציערן — און אז די ישועה װעט גאָר זיין אין דער פולער מאָס, —

און מיר װעלן דערלעבן דעם שבת־שבתון, װעט דאָך זיין שור הבור און לויתן.

שוין — אויסגעליידיגט ס׳פאַרטעך — אזעלכע פירות און גאָר פאַרגעסן אָן זיי

די יונגע ליכטציערן (נעמט שטיל אָן עפל, א רויטן עפל; זי שטייט אין איין הינקל טיש און חיים — אין צװייטן הינקל טיש — דערלאַנגט אים, װי חוה ס׳עפעלע).

דער אויסגעדינטער װעלנער (נעמט).

די אַלטע ליכטציערן — (בויגט אװעק דעם קאָפּ).

עולם — שבת־אויבס!

די אַלטע ליכטציערן —

מאַכט א ברָכה, קינדערלעך, א ברכה מאַכט, טײַערע,
לכבוד דעם ליבן שבת־קודש און די נשמה יתרה,
װאָרום עס קומט שוין די האַך און דער שבת פאַרגייט, —
דער ליבער שבת־קודש װערט אָפּגעשיידט,
און פאַרלאָזט אונז אזוי װי די נשמה טוט דעם גוף
פאַרלאָזן

די האַך קומט, קינדערלעך! אוי, װי דערלעבט מען שוין דעם כּלי קודש, דעם שבת־שבתון.

(דער עולם רוהיג)

דער אויסגעדינטער װעלנער (שטעלט זיך אװעק ביים פענסטער און קוקט לאנג ארויף צום הימל)

די אַלטע ליכטציערן — נו — חיים! גע׳ נאָר א קוק, צי מען מעג שוין אָנצינדן א ליכט׳כיע,-שוין דאָ א שטערן?

דער אויסגעדינטער װעלנער — ניין! ניין — נישטאָ—באַלד—אַ—רין—נישטאָ.

די יונגע ליכטציערן — און דער שבת איז אװעק, — די זון צינדט זיך—די רשעים הײנען.

די האַך קומט אָן—און ס׳בלײַבט נאָר איינס —

דער אויסגעדינטער װעלנער (מיט פרייד) —
מאַמע! מען מעג שוין א ליכט אָנצינדן! שוין—א שטערן! אזא קליין בלוי שטערנדל.

די יונגע ליכטציערן — דער שבת אװעק, די האַך קומט אָן—א שטערן! לאָמיך א קוק טון—יאָ—אין א זילבערן האַלקענדל — אזא קליין בלוי שטערנכיע.

די אַלטע ליכטציערן (נעמט א ליכט, װיל עס אָנצינדן) —

דער אויסגעדינטער װעלנער (לויפט צו האַסטיג צו דער מוטער) —
איין הײלימשקע! מינוטאָטשקאָ! מאַמע — צינד נאָך נישט אָן—איין הײלימשקע.

איך דערמאָן מיך—אזױפיל זאַכן דערמאָן איך מיך הײנט.

די אַלטע ליכטציערן — װאָס הילסטו?

דער אויסגעדינטער זעלנער — הערן, הערן !

דער רבי דערציילט—אין חדר—כ'דערמאן מיך, –

אז דער שבת גייט אוועק, רופט מען די מתים צוריק אין גיהנום אריין—און זיי פארלאזן אונזערע שטיב'ביע.

און אז מען דערלאנגט דאס אויער צו דער טיר הערט מען – ווי זיי קושן די מזוזה.

וויל איך הערן! די מתים אויפן שוועל—ווי זיי קושן די מזוזה.

(שטימען פון דרויסן)

שוין! שוין! מען מעג שוין אנצינדן א ליכט—מען וועט שוין שטערן א גוטע וואך, א פולע וואך—ליכטיג און העל !

(שטימען פון אינעווייניג)

לאמיר הערן—לאמיר הערן, –

דער שבת אוועק,—די מתים אויף דער שוועל.

די אלטע ליכטציערן (עפנט לייכט די טיר) —

די יונגע ליכטציערן (נעמט אין האנט דאס פיס-בענקעלע)

פ א ר ה א נ ג.

ד ר י ט ע ר א ק ט

דאס זעלבע צימער, וואס אין די ערשטע צוויי אקטן. די אלטע ליכטציערן האלט אין דער האנט א פארביג געפלאכטן הבדלה-ליכט; אויפן טיש פלאקערט פיל-פארביג א פלאם פון אויסגעגאסענעם בראנפן; דער אויסגעדינטער זעלנער קוקט זיך איין א צייט אין דאזיגן פלאם. דאס הבדלה-ליכט ווערט אויסגעלאשן, דער פלאם אויפן טיש פלאקערט שטארקער. עס דויערט א צייט.

די יונגע ליכטציערן (האלט אין דער האנט א בשמים-ביקסל—און עס איז געוואונשן, אז ווען דער פארהאנג הויבט זיך אויף, זאל ווירקליך פארשמעקן אין זאל).

(דער פלאם אויפן טיש פארלעשט; דער פלאם אין אויוון פלאקערט אויף ווי אין ערשטן אקט).

די אלטע ליכטציערן —„מחיתי כעב פשעיך, וכענן חטאתך— איך האב געמון אפמעקן אזוי ווי א דיקן וואלקן דיינע זינד און ווי א וואלקן דיין חטא; שובה אלי כי גאלתיך—קער דיך אום צו מיר.

דען איך וועל דיך געחים אויסלייזן; רָנּוּ שָׁמַיִם כִּי עָשָׂה ה׳-זינגט איר הימל, דען גאָט האָט געטון, ווי ער האָט מַבטיח געווען צו ברענגען די גאולָה; הָרִיעוּ תַּחְתִּיּוֹת אָרֶץ, פִּצְחוּ הָרִים רִנָּה, יַעַר וְכָל עֵץ בּוֹ-טוט שאַלן, איר אונטערשטע ערד, איר בערגער - עפֿנט געזאַנג, דער וואַלד און אַלע בוימער, וואָס אין וואַלד; כִּי גָאַל ד׳ אֶת יַעֲקֹב וּבְיִשְׂרָאֵל יִתְפָּאָר-ווען גאָט האָט אויסגעלייזט יעקב און מיט ישראל טוט ער זיך בארימען, גאֹלנו ד׳ צְבָאוֹת, שמו קדוש יִשְׂרָאֵל — דאָס איז וועט זיין אונזער דערלייזער, וואָס ווערט אָנגערופן דער הייליקער גאָט פון ישראל״.

(די גאַנצע תּפלה ווערט איבערגע׳חזר׳ט וואָרט ביי וואָרט דורך דער שנור און זון, ווען דער פּ ל אַ ם אויפן טיש ברענט).

די אַלטע ליכטציערן — אוי, דערלייזונג! דערלייזונג!

אַ גוטע וואָך, אַ פולע וואָך!

(מען רייבט די בשמים, וואָס פאַרשמעקן).

(לאַנגע פּויזע).

אַלע (שווייגן שטיל)

(דאָס פוס-בענקעלע ווערט באַלויכטן).

(דורכן פענסטער קוקט אַריין דער ש ב ת-ג ו י).

(די ווייבער ג י ב ן פ ל ו צ ל י נ ג אַ ן אַ נ ט ל ו י ף ; איינע אין איין זייט. די צווייטע—אין אַן אַנדערער זייט).

(פון ביידע ווינקלען הערט זיך באַלד אַן אָפּגעריסן געוויין).

דער אויסגעדינטער זעלנער (מאַכט אַפּאַר טריט ; וואַקלט ; האַלט זיך אָן אין אַ ווינקל-טיש. טוט זיך אַ קוק אַרום פאַרווירט).

אַ-אַ-אַ ; די שטוב איז ליידיג.

(גיט אַ פאָכע מיט דער האַנט אין ליידיגן ; די האַנט פאַלט צוריק מאַט).

ווייבער—וואָס האָט איר זיך באַהאַלטן, ווייבער? ווייבער וואו האָט איר מיר אַהינגעטון מיין זון? וואָס האָט איר זיך באַהאַלטן?

די יונגע ליכטציערן און די אַלטע ליכטציערן — מיר האָבן זיך באַהאַלטן, האָרום מיר שעמען זיך דיר פאַר די אויגן צו ווייזן.

דער : ויסגעדינטער זעלנער—די ש ט ו ב א י ז ל י י ד י ג.

(די ווייבער קומען אַריין פּאַמעליך, מיט געזונקענע קעפּ — און שטעלן זיך אַוועק, איינע רעכטס פון אים, און איינע לינקס פון אים, ווי אָגלען-זיילן.

די אַלטע ליכטציערן—ד׳ נתן, ד׳ לקח,

דער אויסגעדינטער זעלנער — מאַמע! ווייב!

די יונגע ליכטציערן — ד׳ נָתַן ד׳ לָקָח.

דער אויסגעדינטער זעלנער—מאַמע! ווייב! פאַר וועמען האָט איר מיך איבערגעלאָזט!

די אַלטע ליכטציערן — זעע דיך, חיים, מיין זון! אַזוי — געלויבט צו גאָט, האָס דער שבת איז אונז נישט געווען פאַרשטערט, יעצט - צו דער פילער האָך, זעץ דיך אויפן פוס-בענקעלע. אויף אַ שעה צייט--און ריכט אָפּ אַבֵלוּת נאָך דיין זון.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואָס קומט עס מיר ז-אַ-אַ!

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי — זעץ דיך. נידריג. נידריג.—אַזוי

חי אַ קליין קינד—אַזוי זעך איך דיך אַהעק—אויפֿן פּוס-בענקעלע—נאַ-ס'ספר איוב האָב איך דיר אַנגעגרייט—נאַ!

(דערלאַנגט אים אַ גרויסן ספר איוב—ער קוקט פֿאַרשטאַרט)

די אַלטע ליכטציערן — און יעצט-דאָס מלבוש-גיב אַהער דאָס מלבוש-העל איך דיר קריעה רייסן אין לאַץ;

(זי רייסט אים קריעה אין לאַץ;)

(דער אויסגעדינטער זעלנער שווייגט די גאַנצע צייט)

(ער שווייגט, ווי ער וואָלט אין דער שטוב נישט געווען)

די יונגע ליכטציערן (פֿאַרדעקט דעם שפּיגל) —

„איז געקומען דער מלאך המות,
האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיגע קלייד —
האָט ער צוגענומען דאָס וואָכעדיגע קלייד,
און מיך אַליין“.

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, וואָס איז אינגאַנצן דער זינדיקער גוף—אַ קלייד.

די יונגע ליכטציערן — אַזאַ צער, אַזאַ צאָרן.

(שטיל צו די אַלטע)

ער שווייגט דאָך.

די אַלטע ליכטציערן — איז מיר דאָפּלט וויי.

די יונגע ליכטציערן — אַז די צרות דריקן.

די אַלטע ליכטציערן — שווייגט ער, רעכט. נאָר דאָס שווייגן

געפֿעלט מיר גאָר נישט.

(צום זון)

זאָג עפּעס-לייען איוב —

דער אויסגעדינטער זעלנער (שווייגט) —

די יונגע ליכטציערן — נו-וואָס וועט עס שוין העלפֿן?

די אַלטע ליכטציערן — יאָ, דאָס בייז האָט אונז געטראָפֿן — און גאָט דערצערנט אונז מיט זיין צאָרן און גרימצאָרן; מיר זענען אין אַנגסטן.

די יונגע ליכטציערן — די אַנגסטן האָבן אונז אַרומגענומען.

די אַלטע ליכטציערן — און איין טרייסט איז דאָ און איין תשובה איז דאָ; רעכט, ס'ביסל אַרבייט. בזעת אפּיך.

נו-זעלדע-לאָמיר ברענגען דעם דערוואָכנס אין שטוב אַריין. ווידער אַ וואָך. אַזוי לויפֿן די טעג.

(ברענגען אַריין די מילכיגע באַנק, דעם טיש, דאָס ליכט-געשטעל)

און איצט דעם אויוון,—

(דער אויוון, וואו עס שמעלצט זיך דער חלב, פֿלאַקערט ווידער אויף)

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי – רעכט, ווידער אַ וואָך, סמבטיון שלייערט ווידער מיט שטיינער; דער קאַלעך-אויוון פֿלאַקערט; די זינדיקע רשעים האָבן שוין ווידער קיין רו נישט.

די יונגע ליכטציערן (נעמט זיך שטיל צו דער אַרבעט; ציט קנויטן; וועלגערט ליכטלעך).

די אַלטע ליכטציערן — אזוי, טאָכטערשי, נאָך אַ ליכטל, נאָך אַ ליכטל.

װי לאַנג נאָך?

הַבְדָלָה־ליכט׳ביע, געפלאָכטענע; שִׂמְחַת־תּוֹרָה־ליכט׳ביע, שאָנ־קעדיגע, װי אַ רעגנבויגן; חדר־ליכט׳ביע, דינטשקע, קליינטשקע, איינ־געבויגענע, װי קינדערלעך אין די פינסטערע גאַסן; יום־כפּור־ליכט, שװער און לאַנג, װי אונזערע זינד; און חתונה־ליכט, שיינע און װײַסע—

די יונגע ליכטציערן — און נשמה־ליכט.

די אַלטע ליכטציערן — און דאָס קליינע ליכט׳ביע, װאָס מען זוכט מיט זיי אויפֿן בעט און אונטערן בעט, אויפֿן בוידעם און אונ־טערן בוידעם.

די יונגע ליכטציערן — װאָס זוכן אזוי די זינדיקע מענשן?

די אַלטע ליכטציערן — אי, טאָכטערשי, דאָס גליק; אַ ביס׳ביע גליק.

רעכט, זאָל ס׳פּנים נישט אזוי שיין זײַן, נאָר ס׳מזל זאָל שיין זײַן.

װידער האָרע, האָרע — װידער עול, עול.

בזעת אַפּך,—ארבעט, נאָר זי איז זיס, די ארבעט, װאָרום זי שלאָגט ארויס פֿון קאָפּ אַלע הוריות און אַלע צרות.

צי די פערים, שנייד די קנויטן, שמעלץ דעם חלב, פלעכט די ליכט־לעך.

די אַלטע ליכטציערן (נעמט אַ קעסטל—אזוי גרויס, װי אַ קעסטל צו גלומען אויף אַ פענסטער, באַשמירט עס מיט ערד, און גיסט אַרײַן חלב) —

באַלד װעלן מיר טאָפּיען פּײַליכ׳יע.

די יונגע ליכטציערן —װאָס איז דאָס—פּײַליכ׳יע?

די אַלטע ליכטציערן — שוין צײַט געװען, טאָכטערשי, זאָלסט װיסן: פּײַליכ׳יע — אזעלכע קליינטשקע, קליינטשקע ליכטלעך — און מען טאָפּיעט זיי נישט יעדעס באַזונדער, נאָר מיטאַמאָל, אַ סך מיט־אַמאָל.

די יונגע ליכטציערן — אַ — צו קרישמע־(„קריעת שמע") לייע־נען.

די אַלטע ליכטציערן — לערן דיך, לערן דיך! זעסט, אַ סך ליכטלעך מיט איינמאָל—

עם כּל הַנְעָרים, רעכט.

(טאָפּיען די פּײַליכ׳יע)

די יונגע ליכטציערן — מען דערציילט, אין דער מִלְחָמָה—די װעלנער, ליגט מען נישט יעדן באַזונדער אין איין קבר, נאָר—אַלעמען, אַלעמען אין איין קבר אַרײַן. אַ ברודער־קבר.

די אַלטע ליכטציערן — אָבער געבוירן װערט יעדער איינער מיט זײַן מזל.

די יונגע ליכטציערן — װער װייס?—די װעלט איז גרויס, און אפֿשר זענען דאָ מענשן, אַ סך מענשן, אַ הורע מענשן—און זיי װערן געבוירן צוזאַמען, צוזאַמען, אזוי װי די גאָר קליינע ליכטלעך, װי די פּײַליכ׳יע?

די אַלטע ליכטציערן — הוריות, הוריות.

די יונגע ליכטציערן — יאָ, אז מען איז טרויעריג, קומען פֿאַרשידענע מַחְשָׁבוֹת אין קאָפּ אַרײַן.

שווינגער — און יעצט וועל איך מאַפּיען א ליכטל פאַר זיך, — עקסטרע.

די אַלטע ליכטציערן — צו וואָס?

די יונגע ליכטציערן — אַזוי-פאַר זיך.

די אַלטע ליכטציערן — נו-מוז מען דאָך ברענגען דאָס קאָכעדיגע וואַסער-און די צוואַנג.

די יונגע ליכטציערן —אַזוי, אָט איז פ'רערל, און אָט איז די קנויט, און אָט איז דער חלב;

און יעצט ריינ‍יק איך די רויר-מיט קאָכעדיק וואַסער.

די אַלטע ליכטציערן — אַזוי! אַזוי-שנעלער, אַזוי. ברענג דעם ליעק,-אַזוי-אַזוי-און יעצט דעם חלב אין דער רער אַריין.

(גיסן אַריין דעם חלב אין דער רער, וואַרטן א ווײַלע, ביז דער חלב וועט אויסגעטריקנט).

די יונגע ליכטציערן — און איצט די צוואַנג, איצט מוז מען מיט דער צוואַנג אַרויסציען דעם קנויט —

די אַלטע ליכטציערן (ציט אַרויס מיט א צוואַנג די קנויט) —

די יונגע ליכטציערן —די שווינגער ווייסט?

(שטיל צו איר)

יעדעס מאָל, אַז מען מאַפּיעט א ליכטל - און עס רוכעיעט זיך, און דאָס קאָכעדיקע וואַסער און די קנויט, און די צוואַנג, פאַרמאַנט מיך — — —

די אַלטע ליכטציערן - א, ב'חיים — ב'חיים! רעכט, יאָ —

וואָס איז דען א נײַגעבוירענער מענטש? — א נײַ ליכטל!

(דאָס הבדלה-ליכט אויפֿן טיש ווערט אויסגעבראָכן; א ווײַלע פֿינסטער)

די אַלטע ליכטציערן — נו - צוטאָטלט זיך אביסל; וואָס איז דאָס פאַר א חושך אָן שבייתענאַבן?

דער אויסגעדינטער וועלנער (שפּרינגט אויף פֿון בענקעלע) — אַז כ'וואָרגריושע מיך.

ווי איז זײַן טויט געווען?

די יונגע ליכטציערן — פֿרעג בעסער נישט. א קריי, א שטילער קריי, ווי אַן עוף.

זעך דיך, זעך דיך—

די אַלטע ליכטציערן — קינד'לעב! עס איז נאָך נישט קיין שעה. נאָך צען מינוט ביזט אַן אָבֿל—

דער אויסגעדינטער וועלנער (זעצט זיך צוריק אויפֿן פֿוס-בענקעלע) —

נאָך צען מינוט?—א גאַנץ לעבן מרויערט מען נאָך א בכור.

וואָס ברענט דער אויוון? וועמען גיט עפּעס איין-געם, פֿאַרלעש.

די יונגע ליכטציערן — שוין אָנגעצונדן—א שאָד.

דער אויסגעדינטער וועלנער — פֿ א ר ל ע ש.

(דער אויוון ווערט אויסגעלאָשן, זי צינדט אָן א ליכט)

דער אויסגעדינטער וועלנער - פֿאַרלעש דאָס ליכט.

די יונגע ליכטציערן — אלץ ראושעט דיך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — איך דריי מיך ארום אין דער אייגענער שטוב, ווי א פרעמדער—כ'קאן מיר קיין ארט נישט געפינען, ס'יאגט ארויס —

(לעשט אויס דאס ליכט)

די יונגע ליכטציערן (זיפצט) — א—א—א.

חיים, מיין מאן—מיין וועלט איז מיר פינסטער. שוין צינד איך אן דאס ליכט'ביע, דאס ליכט, וואס כ'האב אליין געטאפיעט און געצויגן און —

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואס?

די יונגע ליכטציערן — א ליכט'ביע-אליין געטאפיעט און געצויגן—און דערמיט גיי איך זוכן מ'גליק.

ווי א שיפער, וואס די שיף איז אים אונטערגעגאנגען, זוך איך די צובראכענע שערבלעך פון מיין גליק.

אט — איז ס'לאנגע קושן; אז ס'קינד איז געבוירן געוואָרן אין א הייבעל, האב איך ארופגענומען ס'הייבעל און אויסגעטריקנט און אין לאנגן קושן אריינגעלייגט—ס'איז מזל'דיג.

(נעמט ארויס פון לאנגן קושן דאס הייבעל און דערלאנגט דער שוויגער)

און דא איז ס'התונה-בעט—און אריינגעלייגט דערין אלטע מטבעות ס'איז מזל'דיג.

(נעמט ארויס די אלטע מטבעות, זיי פאלן אראפ אויף דער ערד און קיימפערן הויל)

און דא איז די טיר. א פלעדערמויז אנגעקלאפט אויף דער טיר, מיט נעגעלעך אנגעקלאפט די שווארצע פליגל-אויף דער טיר—ס'איז מזל'דיג.—

דער אויסגעדינטער זעלנער — אזוי ווי די ערלים, צוגעקלאפט איוזל'ביע מיט נעגל — און געגלויבט דערין.

(רייסט אראפ די פלעדערמויז)

די יונגע ליכטציערן — אזוי — דאס הייבעל, די מטבעות, די אלטע, די פלעדערמויז — דאס גאנצע גליק האלט איך אין האנט, — און זע —

(לויפט האסטיק צו צום בעט, נישטערט אין שעניק, ווארפט ארויס א פלעדערוויש).

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואס זוכסטו שוין ווידער דארט?

די יונגע ליכטציערן — דאס לעצטע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואס שיין ווידער?

די יונגע ליכטציערן — ס'לעצטע—די וועלט איז מיר ענג — א זע.

דער אויסגעדינטער זעלנער — וואס איז דאס? א קנויל קאנאפיעס, אפגעסאדזעט—

די יונגע ליכטציערן — זע—מיינע האר.

די האר, וואס מען האט מיר אפגעשניטן אין חופה-טאג.

די צעפלעך — די רפי'צין אריינגעפלאכטן אין חופה-טאג אין די

צעפ׳כיע זייד און צוקער — און צוגערופן די מעוברת׳ע רייצע — זי זאל אריינפלעכטן, און מיט האפן באשיט — ס׳איז מזל׳דיג.

דער אויסגעדינטער וועלנער — און נישט געהאלפן.

די אלטע ליכטציערן — אז די ישועה איז ביי זיין ליבן נאמען.

די יונגע ליכטצערן — די האר, די האר, וואס מען האט אפ. געשניטן אין חופה־טאג.

לאנגע צעפ, געפלאכטענע, אראפגעהאנגענע איבער די אקסלען, מיט בענד׳כיע. אין הלאצלאחעק געהען — אויף די בריק גענאנגען — האבן אלע יונגלעך נאכגעקוקט — די צעפ די לאנגע.

און אפגעשניטן — דעם שווארצן קאפ־האר אפגעשניטן.

און אן אם האט מיר איינגערוימט:

נעם דעם צאפ דעם אפגעשניטענעם, לייג אים אין התונה־בעט, אונטערן שניק — ס׳איז מזל׳דיג.

דער אויסגעדינטער וועלנער — מזל׳דיג —

די יונגע ליכטציערן — און איצט האלט איך מיין מזל אין די הענט — און וועג עס, הענג עס, ווי מען וועגט אין הימל א מצוה און אן עברה.

מזל מיינס, מזל מיינס, וואס ברענגסטו מיר?

אזוי — צוזאמען — דאס הייבל, די מטבעות, די פלעדערמויז — און די אפגעשניטענע האר אין חופה־טאג,

מזל מיינס! מזל מיינס!

אז יאסעלע, מיין קינד, איז יונגערהייט פון דער העלט אוועק, וועל איך נעמען מיין מזל און פארברענען. איך ברויך שוין מער קיין גליק נישט.

די אלטע ליכטציערן — פארברען!

(דערלאנגט איר דאס ליכט).

די יונגע ליכטציערן — דו — שוויגער!

די אלטע ליכטציערן — פארברען! מען טאר נישט פרובן גאט, ווי א געצנדינער — גלויב נישט אין כשוף.

די יונגע ליכטציערן (האלט דעם צאפ אין דער האנט) —

נא, פעדערלעך זיך צוגעקלעבט, שטויב׳כיע צוגעפאלן.

אראפ — שטויב; אוועק־פעדער׳כיע.

מיין מזל! גליק מיינס!

די אלטע ליכטציערן — פארברען.

(דערלאנגט נאכאמאל ס׳ליכט).

די יונגע ליכטציערן (ווארפט ס׳ליכט אוועק)

ניין!

מיר זענען יונג נאך — א יונג פאר־פאלק.

און דא זענען אלע בריהלעך.

— וועלנער מיינער! ליטוואק מיינער — ציגיינער!

שווארץ ביזטו, ווי א יעזש אין וואלד!

כ׳געדענק — האסט מיר געשריבן, ביזט געפארן ביי די וועלנער אויף

מאניעהדעס, זענען געגאנגען ציגיינער און דיך גערופן,—

דיך אנגענומען פאר זייערס גלייבן!

דו—יעזש, יעזש אין האלד!

ציגיינער מיינער.

באלד שפריט איך אויס א הייסע צהעל אויפן טיש — זאל א שמחה זיין אין שטוב-מלוה מלכה!

די אלטע ליכטציערן (לאזט פאלן דאס ליכט אויפן צאפ ארויף. דער צאפ מיטן הייבעל און פלעדערמויז ווערן ארומגענומען מיט פלאמען)

די יונגע ליכטציערן (רייסט זיך אוועק פון מאנ׳ס ארעמס) — א — האם האט די שוויגער געטון?

א רגע נאר-פארפלאמט,—אביסל אש,-מיין גליק!

(גיסטערט אין אש נעמט ארויס א מטבע)

א — רגע נאר. א רגע. און נאר אן אפגעריבענע מטבע פאר-בליבן.

(די מטבע פאלט ווידער אראפ און קלאפט אפ הויל)

(בויגט זיך אראפ צו זוכן די מטבע)

דער אויסגעדינטער זעלנער — נו, הער אויף! האס ענק ליגט אין זין.

די יונגע ליכטציערן — אלץ די שוויגער.

(לויפט צו צום שעניק, ווארפט ארויס האסטיג שמאטעס, אלטע שטרימפ)

דער אויסגעדינטער זעלנער — האס זוכסטו שוין ווידער?

די יונגע ליכטציערן — אוצרות. — געזאמלט א גראשן צו א גראשן.

(נעמט ארויס פון אונטערן שעניק א טארבעלע, וויקלט עס אויף, לאזט א א שריי)

א—ליידיג!— — —

דו!

(ווענדענדיג זיך צו די אלטע ליכטציערן)

דו!

בע׳גנב׳עט! ליידיג! בע׳גנב׳עט!

די אלטע ליכטציערן — נא-פארברעך נישט מיט די הענט-געסערע אומגליקן!

די יונגע ליכטציערן — זי-שוויגער!—

איך בין דאך אן ארעם מענש, נאקעט.

ס׳גנעלט—צוריק.

די אלטע ליכטציערן —פארטון אויף א דבר טוב. דו האסט אריינגעליגט און איך ארויסגענומען. פאר א קימפעטארן; פאר א כלה אן ארעמע —

די יונגע ליכטציערן — שוויגער! א-ב׳חיל נישט שעלטן.

די אלטע ליכטציערן — שעלט-גאט וועט מיך בענשן.

די יונגע ליכטציערן — גראשן צו גראשן געזאמלט-א מתנה

פאַר דיר — זי מאַכט דאָך מיך בדיל הַדַל — טראָגט אַלעס פון שטוב אַרויס — לאָזט נישט לעבן — גענוג געדריקט אין זיך — אָדער זי, אָדער איך.

די אַלטע ליכטציערן — פאַרזינדיג זיך נישט.

די יונגע ליכטציערן — און דו, חיים-שווייגסט נאָך?

(צו דער שוויגער)

אַרויס — אַלע אומגליקן שטאַמען פון דיר, אַרויס!

(כאַפּט דעם בעזים און יאָגט זיך נאָך דער שוויגער)

די אַלטע ליכטציערן (מיט אַן אוממענשליך קול. דעקט אויף די האָר) — קום פלעדערמויז — קום — מויזנטאויגיגער, קום — פליאַריין מיט דײַנע שהאַרצע פלינגל אין מײַנע הײסע האָר, — קום פלעדערמויז — יעצט העלף איך מיך נישט באַהאַלטן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — שווייגט, הייבער! —

אַהיימגעקומען, געהאָפט צו טרעפן אַ ליכטיגע שטוב. — מיט אַ פרייד און געזאַנג — אַ יורש — און —

די באַבעס קריגן זיך; שטיל.

(כאַפּט דאָס פוס-בענקל, שטעלט עס באַלד רוהיג אַוועק)

שטיל — כ'וועל זיך אַ מעשה אָנטון! כ'וועל.

די אַלטע ליכטציערן — אַ הונט האָב איך פון שוועל נישט געיאָגט, אַבאַסיבקע אפילו. —

די יונגע ליכטציערן — זי רעדט נאָך.

דער אויסגעדינטער זעלנער — דול קאָן מען דאָך ווערן.

(לאָזט דעם בעזים און יאָגט זיי, פונקט ... ווי די ווייבער, וואָס האָבן אין ערשטן אַקט געיאָגט די פלעדערמויז)

אַ שאַ! אַ שאַ! שאַ!

די אַלטע ליכטציערן (וויל עפּעס זאָגן) —

דער אויסגעדינטער זעלנער (ביי ז, לויפט צו, פאַרהאַלט איר ס'מויל —

אַרויס — שאַ! שאַ!

די אַלטע ליכטציערן — אויף אַ מאַמע? אויף אַ מאַמע הויבסטו דײַן האַנט? רעכט, איך בין דיר מוחל, זאָל דיר גאָט אויך מוחל זײַן.

דער אויסגעדינטער זעלנער (פאַרשעמט) — און אַזוי — אַז די פרייד באַרלאָזט די שטוב —

די יונגע ליכטציערן — און ס'מזל — פאַרברענט.

די אַלטע ליכטציערן — שלום-בית שווינדט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — געלוינט אַהיימצורייסן זיך — אַ גדולה.

(פויזע)

די יונגע ליכטציערן — שוויגער — כ'האָב דאָך גאָרנישט געמיינט שוויגער — אַזויפיל יאָר געלעבט, קיין בייז וואָרט נישט פאַרגעפאַלן, — ס'מזל פאַרברענט, אַ קללה אין שטוב; בייזע רוחות אין שטוב;

(דערלאַנגט איר די האַנט)

שװיגער—לאָמיר טרייסטן אונזער טרױערדן; דיין זון—מיין מאַן.

(די פרויען הילן אים טרייסטן)

דער אויסגעדינטער זעלנער — טרייסט מיך נישט, הייבער.

געמיינט—כ׳װעל אהיימקומען-אהיים—און מיין זון װעט מיר אויף די קני ארומשפרינגען-און מיט די קליינע פינגער גראפּלען אין דער שװאַרצער באָרד—האַס, האַס! אַ באָפּ דאָס דינע פינגערל אין מויל אריין, דאָס ראָזע דינע פינגערל אין מויל אריין — און ז י י ג ן, הו—הו.

און פון איין טעלער עסן מיטן קינד—די מאַמעס לאָקשן—און ס׳זאָל זיך שליאַמפּערן איבער די באָרד און װאָנסעס — און פּאַטשן מיט די הענטלעך—און קוקן אין די אויגן אריין—און זעען אין שװאַרץ-אַפּל אַ קליין מענטשעלע זיך שפּיגלען —

מיין אויג איז פינסטער און טריב. אויס! װי אַ פינסטערער ברו-נעם.

טרייסט מיך נישט, װייבער. —

די אַלטע ליכטציערן — באַלד װעט מען צום טיש גרייטן—מיר האָבן דאָך עפּעס שבת-צו-נאַכט-און מלוה-מלכּה-עסן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — פאַרנאַרט; מען מיינט מיט נסנװאָרג צו פאַרשטאָפּן דאָס גרוב.

די יונגע ליכטציערן — װאָס פאַר אַ גרוב?

דער אויסגעדינטער זעלנער — דאָס גרוב, װאָס איז אונטערן האַרץ; די ליידיגקייט אין האַרץ, װען דאָס טייערסטע ליגט אין דער ערד פאַרשיט.

הייבער! מיין שטים איז מיר הייזעריג פאַר הייטאָג! איך װיל מיין אייגענע שטים ארויסרייסן פון קעל—אַזוי עקלדיג איז זי מיר — אַלץ איז מיר עקל—

מיין בעט און מיין שאַנק און מיין טיש—איז נאָר האַלקן; געהעלק—פון װערים צופרעסן און פייכט — אפילו דער פלאַם װעט זיך נישט דערבאַרמען דעריבער — האָ! װי הויל ס׳קלינגט אָפּ — הויל—אַ קע-לער:

אדעס. פאָרט-שטאָט—ים!—ראַסיי!—מדבר—אַהין!

די אַלטע ליכטציערן (האַלט אים אָפּ) —

װאָס װילסטו טון?

דער אויסגעדינטער זעלנער — ארויס—ארויס —

(טרייסלט די שאַנק)

װי פראַכנע צושיט זיך אַלץ—װאָס איז הײַנט מיטן טיש?—קרום, צולאָמעט--ארויס, ארויס פון ש ט ו ב.

(זעצט זיך צוריק אװעק אויפן פוס-בענקעלע)

מאַמע—זיי מיר מוחל, װאָס כ׳האָב דיך געװאָלט ארייסיאָגן; דאָס װיל איך מיך אליין ארויסיאָגן, װי די אויגן װעלן מיך טראָגן, אויף אַלע פיר װינקלען פון דער װעלט.

אַ חלום האָב איך געהאַט, אַ חלום— און ער פרעסט מיך אויף, װי אַ פּיאַװקע.

איך האָב מיך געשפּילט מיט אַ קינד; און עס איז געװען שיין און שאַנקעדיג. און דאָס קינד האָט געלאַכט, און איך האָב מיך גע-שפּילט דערמיט.

און פלוצלינג ווערט דאָס קינד שווער ווי בליי—אַ שטיק רויט פאַר גליווערט בלוט—און עס פאַלט אוים, ווי „צוואַנקע-ווסט נקע”

און איך הייב עס אויף—דאָס קינד—און סיקוקט מיך אָן מיט גרויסע אויגן—און ווידער ווערט עס שווער ווי בליי—און פאַלט אוים.

און איך כאַפּ מיין קינד און נעם עס אויף מיינע אַקסלען און לויף דערמיט איבער ווייסע שנעע-פעלדער—און דער ווינט יאָגט מיך— און איך לויף און לויף.

און איך שטעל מיך אָפּ—און קוק אונטער זיך—און דערזע—ווייסע שנעע-פעלדער—און רויטע פינטלעך אויפן גאַנצן וועג, ווו כ'בין געלאָפן—רויטע פינטלעך-רויטע —

און דאָס איז דער רויטער פאָדעם פון מיין לעבן.

קום אַהער, מאַמע, קום אַהער, ווייב—אַזוי ווי מען זייגט אוים אַ וואונד, אַזוי זייגט מיר אוים מיין חלום פון געהערן.

מיין קינד, מיין פרייד, מיין רו—מיין שבת צושטערט.

די אַלטע ליכטציערן — דער אויבערשטער וועט ממלא זיין— בטחון.

דער אויסגעדינטער זעלנער — דער אויבערשטער.

די יונגע ליכטציערן — ווען די שעה וועט זיין - גאָט וועט געבן.

דער אויסגעדינטער זעלנער — גאָט.

די יונגע ליכטציערן — ווען די שעה וועט זיין — גאָט וועט געבן — איז הים אָפּ חלה יערן פרייטאָג און ליכט-בענשן און אַלע מצוות, וואָס אַ יידישע טאָכטער מוז אָפּהיטן.

(צערטלט זיך צו אים)

און דאָס האַרץ וויל דאָך מיר אַרויסשפּרינגען פאַר פרייד, וואָס דו ביזט צוריקגעקומען— און אַ געזאַנג וועט דאָך שאַלן אין אונזער שטוב.

דער אויסגעדינטער זעלנער— און עס גייט אַ גרויס לעבן— און עס וועלן נאָך זיין פריידן-אָבער די פרייד—דער בכור — וועט שוין קיינמאָל נישט זיין.

און מייסטנס טרויערט מען נאָך דעם קינד, וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געקענט.

און אַ וואונד וועט שוין זיין אין האַרץ, און זי וועט שוין איבערגיין פון דור צו דור. —

מיין קינד-מיין פרייד-מיין רו-מיין שבת, — דער שבת איז מיר אויף אייביק צושטערט, דאָס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין. קיינמאָל נישט.

גאָט, — שפּאַלט ווידער דיינע הימלען! און מאַך אַ צווישן שייד צווישן די אויבערשטע וואַסערן און אונטערשטע וואַסערן, און איין שפּרייטונג און די אַנדערע שפּרייטונג — און טייל אוים דעם שבת פון דער וואָכן, וואָרום עס לויערט דער תהו-ובהו.

די אַלטע ליכטציערן (צו דער שניר) — זעסט, טאָכטערשי — ער ווערט געלייטערט-יסורים לייטערן— און דער זעלנער גייט אַראָפּ פון אים—ער רעדט דאָך גאָר יידישע ווערטער.

די יונגע ליכטציערן — וואָרום גאָט איז אַ פאָטער, און אז מען בעט צו אים, דערהערט ער.

די אַלטע ליכטציערן—קינד מיינס, טו תשובה, וואָרום תשובה

דערקוויקט און דערפרישט.

די יונגע ליכטציערן — דער שבת אַוועק; די וואָך קומט; די פרייד איז מיט טרויער פאַרמישט.

(עס קומט אַריין אַ מנין ייִדן; זיי זאָגן נישט קיין „גוט-וואָך;" זיי שטעלן זיך דאַווענען מעריב; דער אויסגעדינטער זעלנער זאָגט קדיש, אָבער אין דער שטיל, מען הערט קוים איניגע ווערטער);

(דערווייל גרייטן צו די ליכטציערנ׳ס אַ מלוה-מלכה; מען נעמט אַרויס אַ נייַע ווייסע צוואָל; מען דעקט דעם טיש; מען שטעלט אויס ווייַן מיט חלות, מיט פיש; די צוגרייטונג פון דער מלוה-מלכה זעט אויס, ווי די איבער׳חזר׳ונג פון אַ מעלאָדיע, פון ערב-שבת און שבת).

(און דער מנין ייִדן, באַלד נאָכן טרויעריקן קדיש, זינגט אַ פריילעכן מלוה-מלכה-ניגון, פאַר עלית נשמה).

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, עס איז ווי אין פסוק: אַז מען האָט געבויט דאָס צווייטע בית-מקדש, האָבן די ייִדן, וואָס זענען אויסגעלייזט געוואָרן, געבויט און געפרייט זיך.

די יונגע ליכטציערן — און די ייִדן, וואָס האָבן געדענקט, ווי דאָס ערשטע בית-מקדש איז חרוב געוואָרן, האָבן געוויינט.

דער אויסגעדינטער זעלנער — און דאָס געוויין און די פרייד האָבן זיך אויסגעמישט אינאיינעם.

די אַלטע ליכטציערן — און אַזוי איז ביז צום היינטיגן טאָג בײַ אַ ייִד — די פרייד מיטן געוויין אינאיינעם.

(די ייִדן זינגען — דער שבת-גוי באַוויַזט זיך)

(מען זעט דורכן פענסטער — ווי ער קלעטערט אויף אַ לייטער)

די אַלטע ליכטציערן — אַשמדאי איז שוין ווידער דאָ! — אויפן

לייטער! — אַראָפּ — זינגט, ייִדן, מלוה-מלכה, וואָרום אַשמדאי וויל אונז דעם קדושת השבת צושטערן; זינגט, ייִדן — וואָרום פון ניגון ווערט דאָך אַשמדאי איינגעזונקען.

(דער שבת-גוי קלעטערט אַראָפּ פון לייטער, אַראָפּ, ביז מען זעט אים נישט מער)

קוממס, ייִדן, אין אַלקערל אַריין, די הענט זיך וואַשן.

(ייִדן אָפּ)

און יעצט, טאַכטערשי, וועל איך מיר אָנמעסטן פאַרן שפּיגל מייַן קלייד, ווי כ׳בין זיך נוהג יעדן שבת-צונאַכטס.

(נעמט אַרויס די תכריכים, דעקט אָפּ דעם שפּיגל)

דאָס איז אײַנגאַנצן דער זינדיגער גוף, — אַ קלייד; לאָמיך אָנמעסטן מייַן קלייד, וואָס כ׳האָב מיר אָנגעגרייט — קיין מילב׳ביע, קיין שפּרענק׳ביע; ווי דאָס ווייַסע קלייד פון כהן גדול; לאָמיך קומען ריין פאַר גאָט — ווייסע קליידער; ריינע קליידער.

די יונגע ליכטציערן — און איך וועל מיר אָנמעסטן מייַן חופּה-קלייד.

די אַלטע ליכטציערן — ווייסע קליידער, ריינע קליידער.

(מאַכט אַ פּאָר טריט, ווי זי וואָלט זיך געשפּיגלט און געטאַנצט, לײַטזעליגקייט אויף איר פּנים)

די יונגע ליכטציערן — מייַן חופּה-קלייד, לאָמיך אַרייַנטאָנען.

(וויינט הויך און אָפּגעריסן)

„איז געקומען דער מלאך המות"...

די בלינדע רייצע (קומט אַריין, גיט אַ וואָרף אַנידער אַ פּעקל חלב. גיט-צו צו די ליכטציערינ׳ס און רירט אָן זייערע קליידער)

טראָגט איינער תּכריכים און — טאַנצט ; און אַן אַנדערער ס'הופּה-קלייד און חיינט — אַז דער גאַנצער זינדיקער גוף איז אַ קלייד.

דער אויסגעדינטער זעלנער — איז ווי זאָגט ר' יהושע'לע קוטנער : אַ זעלנער, אַז ער דינט אויס, קומט ער דאָך אויך אַהיים.

די בלינדע רייצע —

„איז געקומען דער מלאך המות,
האָט ער צוגענומען דאָס שבת'דיקע קלייד,
האָט ער צוגענומען דאָס וואָכעדיקע קלייד
און מיך אַליין".

דער אויסגעדינטער זעלנער—הייבער-געבערערינס-זאָגט, וואָס איז דאָס טויט ?

די יונגע ליכטציערן — רעד נישט דערפון - כ'האָב מורא - אַזאַ סקעלעט מיט אַ קאָסע אין דער האַנט.

די אַלטע ליכטציערן —נאר'ביע-אַ רוהיג מלאכ'ל מיט ווײַסע פליגל ; און אַז מען הערט מיד, קומט דער מלאך און פאָכעט מיט זיינע פליגל, ווי מיט אַ פעכער, און עס ווערט קיל. זיס איז דער טויט.

די יונגע ליכטציערן — ביטער איז דער טויט.

די בלינדע רייצע — ביטער און זיס איז דער טויט. אַזוי ווי דאָס לעבן.

דער אויסגעדינטער זעלנער— ביטער און זיס איז דער טויט- ווי דאָס לעבן.

(איין ייד שטייט אויף דער שוועל פון אַלקערל, קומט אַרויס)

אַ ייד — יענע מעשה, אַז ס'איז שוין נישט קיין נפקא מיניה.

ווייל איך בעסער לעבן.

די יונגע ליכטציערן (שפּריינט אויס דאָס ווייסע טישטעך)

די אַלטע ליכטציערן -נאַ, פאַרגעס נישט אַרויבּצולייגן אַ פּאָר ברעזועלעך פון שבת.

די יונגע ליכטציערן - און פון שבת-אויבס אויך געבליבן.

(זוכט אין שאַנק און ברענגט אַן עפּעלע)

אַן עפּעלע !

די אַלטע ליכטציערן — רעכט, זאָלן שוין די בייזע רוחות פון אונזער שטוב אַרויס, זאָלן די גוטע רוחות אין אונזער שטוב אַריין.

(דער שבת-גוי קומט אַריין נאָך אַ זעקסער פאַרן איינהייצן)

שבת-גוי — אַ, פּאָהיעם, אַ, פּאָהיעם-היים, מבוי סין אומאַר'ל.

דער אויסגעדינטער זעלנער — עשו ! נו-האָב אַ שליטהעגס ! אַרויס! אַרויס! מען הייסט שוין!

(כאַפּט דעם בעזים און יאָגט אים אַרויס)

שבת-גוי —מע האָיס שאַ („מען הייסט שוין")-אַ-פאַרשפּעטיגט-אַ !

(קראַצט זיך)

אַ קאָביטאַ פּעסט-אַ-טירקאָ ניע צורעטשקע-באָ ברית טאָ זכר-נאָוי זשידעק-בי, כי. (שבת-גוי אָפּ)

די אַלטע ליכטציערן (זעצט זיך אוועק אין אַ ווינקל, שטריקט אַ זאָק)--

אוי, גלות, גלות, רעכט.-אויף די עלטער-די האָרנאָדלען לויפן-אַן אויג פאַרלוירן.

(דער קנויל בײַדל פאַלט אַראָפּ)

דעם קנויל פאַר-לוי-רען.

די בלינדע ריצע (בייגט זיך אראפ, גייט ארום איבער דער שטוב, זוכט דעם קנויל)

(די יידן קומען צוריק אריין פון אלקערל, אנגעטון האלב שבת'דיג, האלב וואכנדיג, ברומען א ניגון)

(אלע גייען פייערלעך צו צו דער טיר, און באגליטן די גיסט־געזעגנטע שבת־מלכתא)

שבת־מלכתא, שבת־מלכתא.

(די טיר איז האלב אפן, ווי פסח פאר אליהו)

די אלטע ליכטציערן — דעם קנויל פאר־לוי־רען!

(די יידן בויגן זיך אראפ און זוכן)

(די בלינדע ריצע דערלאנגט דעם קנויל דער אלטער ליכטציערן)

גאט־ ־, גוט־אך!

פארהאנג.

עשריבן אין ווארשע אין יאר תרפ"ג